STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06060

# YUDENTHUM GEGEN KRISTENTHUM

Binyamin ben David Balzak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יודענטהום געגען קריסטענטהום

— פון —

הרב בנימין בר' דוד הלוי באלזאק

דער פערפאסער פון די ביכער

„תורת האדם" און „הלכתא למשיחא"

ניו־יארק — תרע"ב.

געדרוקט ביי גאלדמאן און שטיינבערג, 24 ווענדאוואטער סט., נ. י.

1912.

דיעזער בוך זאָל זיין אן אייביגער „אנדענק-עהרע" אין נאָמען פון מיין טהייערע טרייע פערשטאָרבענע פרוי, הצנועה מ' פייגה בת בנימין זאב, עליה השלום, וועלכע האָט, אזוי ווי זבולין, א גרויסען חלק אין מיינע ספרים געהאַט. צו מיין בעדויערען אָבער האָט זי קיין זכיה ניט געהאַט דערלעבען צו זעהען זיי פון דרוק ערשיינען. זאָל זי אין גן-עדן בשלום רוהען.

אישה המתאבל עליה כל הימים

המחבר בנימין באַלזאַק.

חונה פה גרינפוינט, ניו-יאָרק.

(Copyright, 1912.)

# פאָרוואָרט.

בעפאָר איך וועל מיינע אנשויאונגען וועגען קריסטענטהום ערקלעהרען, רעכען איך פאר נויטיג צו מאַכען א קליינע הקדמה.

אין דיעזער הקדמה וויל איך פרובירען צו פערענטפערען א פּאָאר פראַגען, וואס מאַנכע וועלען מיר געוויס שטעלען:

די ערשטע טענה איז: ויכוחים איבער רעליגיעזע פראַגען, ווי איבערציינענד זיי זאָלען ניט זיין, ציהען געוועהנליך דעם צד שכנגד ניט אריבער; אין רעליגיאָנס־פראַגען זיינען, געוועהנליך, מאַכטלאָז אלע ארגומענטען און בעווייזע, ווי היים און איבערצייגענד זיי זאָלען ניט זיין; יעדער צד גלויבט זיך אין דעם, וואס ער האלט פאר הייליג און אונפעהלבאר, און עס פרעגט זיך דארום: צו וואָס דארף מען אזעלכע ויכוחים?

די צווייטע טענה איז: אַז אונזער תלמוד האָט פערבאָטען צו מאַכען „גרים“, ווייל „גרים“ זיינען שעדליך פאר דעם אידישען פאָלק ווי קרעץ“ (יבמות).

די דריטע טענה איז: אז שוין באלד צוויי טויזענד יאָהר ווי חכמים און געלעהרטע פון יעדער צייט און תקופה האָבען וועגען דיעזען ענין גערעדט און געשריעבען. דאַרום פרעגט זיך: וואָס קען מען דען היינט מוסיף זיין צו דיעזען ענין? וואָס קען מען דאָ מחדש זיין?

די פיערטע טענה איז: אין אונזער מאָדערנער צייט איז רעליגיאָן אין אלגעמיין אן אָפּגעלעבטע זאַך, און רעליגיעזע וכוחים זיינען פון קנאַפּער אינטערעסע. און ווען איינער קומט און בעריהרט ווידער אַמאָל די פראַגע, איז דאָס פונקט ווי א דאָקטאָר זאָל זאָגען צו איינעם: איך וועל דיר צוברעכען דיין גאַנצע האַנד און זי פערהיילען, אום דיר מיינע מעדיצינישע קענטניסע צו צייגען.

די פינפטע טענה איז: עס איז גאָר ניט נויטיג צו איבערצייגען א צווייטען אין די טעותים פון זיין רעליגיאָן, זאָל יעדער גלויבען ווי ער וויל, איידער אין גאָר ניט גלויבען.

די זעקסטע טענה איז: אַז רעליגיעזע ויכוחים צווישען אידען און ניט־אידען קענען ארויסרופען א גרעסערע שנאה צו אונזער פאָלק, פונקט ווי דאָס האט פאסירט אין מיטעל־אלטער.

בכדי צו געבען אן ענטפער צו די אויבענדערמאָהנטע טענות, וועלכע קענען געשטעלט ווערען, מוז איך דערמאָהנען, אַז עס עקזיסטירט אן אונטערשיעד צווישען די רעליגיעזע ויכוחים פון אַמאָהל און היינט.

אַמאָהליגע צייטען, ווען די אמונה איז געווען פעסט איינגעפלאַנצט אין מענשענ׳ס הארצען, סיי ביים איד און סיי ביים קריסט, זיינען רעליגיעזע וכוחים ווירקליך געווען נוצלאָז, האָבען רעליגיעזע וכוחים קיינעם ניט איבערציינט, ווייל, ווי בעקאנט, זיינען אמונה מיט שכל צוויי בעזונדערע זאכען.

אין אונזערע צייטען אבער, ווען דער רעליגיעזער געפיהל סיי ביי אידען און סיי ביי קריסטען צאנקט, און ווען דאס איינציגע וואס ווערט געשעצט און הייליג געהאלטען איז דער „מוסר", די מאראלע זייט פון אמונה, ניט דעם נסים־טהייל פון דער אמונה, נאר איהר לעבענס־מאראל, איהרע בעגריפען מכח זאכען און האנדלונגען, וואס קומען פאר בין אדם לחברו — קען מען שוין דיסקוטירען וועגען דער פאלשקייט אדער ריכטיגקייט פון דער מאראל, וואס די אדער יענע אמונה פערמאגט, און דארום גלויב איך, אז אזעלכע ויכוחים זיינען אין אונזער צייט גראדע אם פאסענדסטען.

איך וויל אייך ערקלעהרען, אז מיין צוועק איז ניט קיין גרים צו מאכען, איך גלויב גלייך מיט אונזערע חכמים, אז גרים זיינען שעדליך, און הייליג זיינען די ווערטער פון דעם גרויסען נביא ישעיה, וועלכער זאגט: „זאל יעדער פאלק געהן אין נאמען פון זיין גאט, און מיר — אין דעם נאמען פון אונזער גאט".

*

מיין קאמפף, וואס איך געה מיט דיעזען ספר אויפנעהמען, איז ניט געריכטעט געגען אירגענד וועלכער אמונה אדער רעליגיעזער סעקטע, נור געגען די מיסיאנערען, געגען דעם אויסוואורף־געזינדעל פון אונזער אייגען פאלק. מיין מלחמה, וועלכע געדויערט שוין יאהרען, איז געגען דיעזע מיאוס'ע נפשות, וועלכע האבען זייערע נשמות פאר א טאפ לינזען פערקויפט, און ניט גענוג וואס זיי האבען זייער גאט און זייער פאלק פערראטהען, שפרייטען זיי נאך זייערע נעצען פאר הונדערטער אידישע קינדער אראפצופיהרען פון וועג פון אידישקייט, אפרייסען זיי פון גאט'ס תורה, פון זייערע עלטערען און פון זייער פאלק.

געגען דיעזע ערגסטע עלעמענטען צווישען מענשען, געגען דיעזע נשמה־רויבער און זעעלען־פאנגער געה איך אנפיהרען מיין עפענטליכען קאמפף, איך וויל בעווייזען ווי גרויס זייער סם־המות איז, איך וויל עפענען די אויגען פון מיינע ברידער אויף דעם געפאהר, וואס שטעהט זיי דורך דיעזע „מהרסיך ומחריביך" איך וויל פערהיטען די קינדער פון מיין פאלק פון די חיה־רעה נעגעל, וואס שטעהען און ווארטען אויף זיי.

אט דאס איז די כונה פון מיין ספר.

עס איז אמת, אז מיט ויכוחים געגען קריסטענטהום האבען זיך חכמים און גדולים פון יעדען דור מתעסק געוועז; אבער זיי זיינען ביז איצט געוועז וועגען דעם נסים־טהייל פון רעליגיאן, און דאס איז געוועז נוצלאז און ארויסגעווארפען, ווייל דאס איז א „דבר שבלב".

זעהר ווייניגע האבען זיך אבער פערנומען מיט דער מאראלער זייט פון קריסטענטהום, אין דער רייינקייט און אונפעהלבארקייט פון דער קריסטליכער מאראל האט גאר קיינער ניט גע'ספק'ט, פארקעהרט, מען האט איהר נאך געזונגען שירים ותשבחות, און אט דיעזע פיעל־בעזונגענע קריסטליכע מאראל וויל איך עס יעצט אין דיעזען ספר צוגליעדערען.

*

די צייט פון אמונה־ויכוחים איז שוין פאַראיבער. די ויכוחים אָבער וועגען דער מאָראַלער זייט פון דער אמונה מוזען זיך ערשט אָנפאַנגען.

איך אונטערשטרייך דעם מוזען, ווארום אונזער פערשווייגען די אונ־געהויערע שעהנקייט און הייליגע ערהאַבענהייט פון דער אידישער רעלי־גיעזער מאָראַל טהוט גרויס שאָדען דעם יונגען דור אונזערען, פאַר וועמען די אוצרות פון אונזער אמונה זיינען צום גרויסען בעדויערען א ספר החתום.

עס איז אויך ניט ריכטיג די טענה, אז מיר דאַרפען פערשווייגען די אנגריפע, וואָס ווערען געמאכט פון צייט צו צייט אויף אונזער רעליגיאָן, אום ניט צו צורייצען אונזערע שונאים. דאָס איז גרונד פאַלש. פארקעהרט, מיר טאָרען ניט שווייגען, ווייל דאָס ניט־ענטפערען גיט נאָך מעהר מוטה אונזערע שונאים. זייערע בלבולים, ווי מיר זעהען עס אין אונזער צייט, ווערען אַלץ שטאַרקער, און עס איז דארום אונזער הייליגער חוב אויפצוהויבען די שטימע פון פערטהיידיגונג פון אונזער הייליגער, איינציגער רעליגיאָן, און ניט נור פערטהיידיגען, נאָר אויך ארויסברייגגען איהר הימעלישע ליכט אין פערגלייך מיט דעם וימש חשך, מיט דער אונגעהויערער פינסטער־ניש פון קריסטענטהום, וועלכעס ווערט פון „זיי“ — און צו אונזער גרויסער שאַנדע — אויך פון מאַנכע אונזערע — פראָקלאַמירט אלס רעליגיאָן פון יושר און רחמנות, פון מאָראַל און שעהנהייט.

ווען מען רעדט מיט איינינע וועגען דער שמד־מגפה, וואס ווערט צו אונזער גרויסען וועהטאָג פערשפּרייט אין מאַנכע לענדער צווישען די אידען, און וועגען דער טהעטיגקייט פון די מיסיאָנערען, וועלכע מיר האָבען דאָס צו פערדאַנקען, טרייסטען־זיי זיך דערמיט, וואס שמד'ען א אידען קאָסט די נשמה־כאַפּער אָפּ א סך געלד. דיעזע „נחמה“ דערמאָהנט אן דעם פּייטר. וואס ווען מען האָט איהם אָבגעשמיסען, האָט ער זיך געטרייסט, דאָס די ריטער זיינען בשעת מעשה צובראָכען געוואָרען. אַי, פון איהם רינט בלוט! עט... אבי די ריטער זיינען צובראָכען געוואָרען.

דאָס איז אויך מיט די יעניגע, וואס זיינען זיך מנחם, וואָס א אידען אָפּשמד'ען קומט זיי אָן מיט מיה, און עס קאָסט זיי געלד. אין אמת'ען אָבער איז דאָס א נארישע טרייסט, ווייל דער איבערגאַנג פון א אידען אין לאַגער פון שונא הייסט ניט נור, אז אונזער לאַגער ווערט אָרימער, אז אונזערע רייהען ווערען שיטערער, נור אויך, אז דעם שונא'ס לאַגער ווערט שטאַרקער, אז ער קריעגט צו נאָך איינעם, וועלכער וועט שפּייען מיט גיפט אויף דעם פאָלק, וואס ער האָט פערראַטהען, און אויף דיעזע שונאים וואָס קומען טאַקע ארויס פון אונז אַליין האָט שוין לאַנג דער נביא געקלאָגט: „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו...“

**גאַנץ פערשיעדען זיינען די וועגען פון מיין מלחמה מיט'ן קריסטענ־טהום אין פערגלייך מיט די מעטהאָדען און וועגען פון די אמאָליגע גדולים**

און חכמים, וואס פלעגען פון צייט צו צייט ארויסטרעטען געגען דער קריסט־ליכער רעליגיאָן.

די אמאליגע בעקעמפפער פון קריסטענטהום פלעגען — א טהייל פון זיי — גאָר איגנאָנצען אפלייקענען די עקזיסטענץ פון יעזוס, און איהם ער־קלעהרען אלס לא היה ולא נברא אלא משל היה.

אנדערע בעמיהען זיך אפצולייקענען די ראיות, וועלכע זיי זוכען צו בעגרינדען אויף פסוקים פון תנ"ך.

אייניגע ערקלעהרען, אז יעזוס האָט טאַקע יא געלעבט, נור דער נייער טעסטאַמענט איז פיעלע יאָהרען נאָך זיין טויט צוזאמענגעשטעלט, און ער אליין האָט איהם קיין חלק ניט.

דיעזע אלע השערות און חקירות וועגען יעזוס'עס לעבען און דעם היסטאָרישען אמת פון נייעם טעסטאַמענט זיינען אָבער פאר מיר פון קנאַפּער וויכטיגקייט, מיין וואפען געגען דעם קריסטענטהום איז טאַקע דאָס קריס־טענטהום זעלבסט, מיט זיין אנערקענטער הייליגקייט, מיינע ראיות געגען דער פאַלשקייט און גרונדלאָזיגקייט פון קריסטענטהום איז טאַקע געבויט אויף דעם נייעם טעסטאַמענט, און איך האָב די שארף פון זייער אייגענער שווערד אויסגעדרעהט טאַקע געגען זיי אליין.

מיט אנדערע ווערטער הייסט עס: פאר מיר איז פון קנאַפּער וויכ־טיגקייט, צו יעזוס האָט געהאט א בשר ודם פאר א טאַטען אָדער א מאַמען, פאר מיר איז אויך גאַנץ גלייך, צו אין דעם נייעם טעסטאַמענט האָט ער זיך אויך בעטהייליגט, און צו די ראיות פון די פסוקים וואס ווערען אין נייעם טעסטאַמענט געבראַכט זיינען ריכטיג אָדער ניין. איך גיה בעטראַכטען דעם יעזוס'ען און דעם נייעם טעסטאַמענט, וועלכע די קירכע פערהייליגט, און האָט אויף זיי די פונדאַמענטען פון איהר רעליגיאָן אוועקגעשטעלט.

מיר וועט אין לויף פון מיינע טענות געגען קריסטענטהום אויך אויס־קומען צו בעריהרען די נסים פון דער קריסטליכער רעליגיאָן, די פערשיעדענע וואונדער, מיט וועלכע זי בעריהמט זיך, מיר וועלען דאָס אלעס אויך צוגליע־דערען און אוועקשטעלען פאר'ן ריינעם ליכט פון אמת.

דער עיקר אָבער, ווי געזאגט, איז דער ציעל פון מיין ספר צו בעווייזען די פאַלשקייט פון קריסטענטהום אלס א רעליגיאָן פון מאָראל, אלס א קאָדעקס פון חסד און יושר.

בנימין הלוי באלזאַק.

יום ב' לסדר „כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותיכל", תרע"ב, פה נויאָרק.

---

איך וויל אויסשפרעכען מיין הערצליכסטען דאנק צו מיין פריינד און חבר אב. גאָלדבערג, (רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע פאָלק"), פאר זיינע לייסטונגען, וועלכע ער האָט מיר געגעבען אין צוזאמענשטעלען און בעארבייטען דיעזען בוך.

# ערשטער טהייל.

וואס זיינען די קריסטען לויט דעם תלמוד? ווערען זיי בעטראכט אלס געצענדינער, אדער ווערען זיי פעררעכענט אלס „חסידי אומות העולם“, אלס פעלקער פון א העכערען שטייגער?

כדי צו ענטפערען אויף דער וויכטיגער פראגע, איז נויטיג אז מיר זאָלען פריהער אונטערזוכען דעם יסוד, אויף וועלכען די קריסטליכע אמונה איז געבויט, איהרע הויפט עיקרים און דאָגמען. צו דער זעלבער צייט דארפען מיר זיך בעקענען מיט די אויפפיהרונגען און מעשים פון די קריסטען. דער בעסטער מיטעל אויסצוגעפינען אלץ וועגען זייער אמונה איז, זיך צו ווענדען צום ערשטען מקור, צו דעם נייעם טעסטאמענט, וועלכער איז דער יסוד פון זייער גלויבען. — וועגען זייערע מעשים דארפען מיר זיך ווענדען צו דער היסטאָריע. די עיקרים פון דעם גלויבען ווי זיי ווערען פעסטגעזעצט אין דעם ברית חדשה זאלען אָבער גע'משפט ווערען אין דעם ליכט פון אונזער תורה און תלמוד, ווייל ווי ישו, דער גרינדער פון קריסטענטהום, האָט אליין ערקלעהרט: וועט קיין איינציגער ווארט פון דער תורה קיינמאָל ניט בטל ווערען, און אז די סופרים און פרושים, די פערפאסער פון תלמוד, זיצען אויף משה'ס שטוהל, און אלץ וואס זיי וועלען אייך פערביעטען צו טהאָן זאָלט איהר פאָלגען. (מת' ה' 17—18; מת' כ"ג 2—3).

לויט דער נייער טעסטאמענט ערקלעהרט, איז דער גרינדער פון קריסטענטהום געווען א אידיש קינד. איז געבוירען געוואָרען צו דער פרוי מרים פון אהרן הכהן'ס משפחה, די פרוי מרים איז שוואנגער געוואָרען נאָך איידער זי האָט געהייראַטה איהר מאַן יוסף, איידער זי האָט נאָך קינדער גע־באָרען צו איהר מאַן יוסף, דער זוהן פון יעקב אָדער עלי, פון די אייניקלעך פון שלמה המלך אָדער נתן, די קינדער פון דוד המלך, פון דער שטאָדט נצרת אין די טעג פון הורדוס און ער הייסט ישו. (מת' א', 6, 16, 18; י"ג, 55—56; לוק' ג' 23—31).

אויף דרייצעהן יסודות האָט ישו זיין גלויבען געגרינדעט:

## דער ערשטער יסוד.

ישו'ס פאָטער איז ניט געווען קיין מאַן, קיין בשר־ודם, נור איז גע־בוירען געוואָרען פון גאָט'ס גייסט. זיין מוטער מרים האָט ניט געהאט קיין פערהעלטניס מיט קיין מאַן, נור האָט איהם געבוירען פון גאָט אליין; ישו

און זיין גאָט זיין פאָטער זיינען איינס; ער אליין איז אויך גאָט. (מת׳ א׳ 18—21; לוק׳ א׳ 35; יוחנן א׳ 1—14; כ׳ 29).

## צווייטער יסוד.

ער, ישו, איז אויך דער משיח, אויף וועלכען די נביאים האָבען נביאות געזאגט, אז ער וועט קומען און בעפרייען די אידען פון זייערע פיינד און דריקער און אויפריכטען גאָט׳ס קעניגרייך אויף דער ערד (תקון העולם במלכות שדי) — (מת׳ ט״ז 16—17; לוק׳ י״ט 38—40; יוחנן א׳ 49—50).

## דריטער יסוד.

ישו איז געקומען אויף דער וועלט אויפגעבראכט צו ווערען אלס קרבן אום ער זאל מיט זיין בלוט מכפר זיין די זינד פון דער וועלט, וועלכע זיינען גרויס און שווער (ישו האָט דארום נאָך אין אנהויב ערקלעהרט, אז די סנהדרין וועלען איהם משפט׳ן און איבערגעבען אין די הענד פון די פעלקער, וועלכע וועלען איהם טויטען). — (לוק׳ י״ח 32—33; יוחנן י״א 51; רומ׳ ח׳ 3; עפעזער א׳ 7).

## פיערטער יסוד.

אז ער וועט דעם דריטען טאָג נאָך זיין טויט אויפשטעהן א לעבעדיגער. (מת׳ ט״ז, 2).

## פינפטער יסוד.

ער האָט זיינע תלמידים מבטיח געווען, אז נאָך ביי זייער לעבען וועט ער זיך נאָך אמאָל אויף דער וועלט בעווייזען אום צו גרינדען זיין הימלישען קעניגרייך אויף דער ערד. (זאָגט ישו: און איך זאג אייך, אז די וואס שטעהען פאר מיר, וועלען ניט פערזוכען דעם טעם פון טויט ביז וואנען זיי וועלען ניט זעהען ישו, דעם זוהן פון גאָט און זיין מלוכה... דיע־זער דור וועט ניט פערגעהן ביז דיעזעס אלעס וועט געשעהען. דאָך פינקטליך ווען עס וועט געשעהען איז אויך פיר איהם פערהוילען... אין וועלכען טאָג און אין וועלכער שטונדע דאָס וועט געשעהן, ווייסט קיינער ניט, אויך ניט די מלאכים אין הימעל נור מיין פאָטער אליין. — (מת׳ ט״ז 28, כ״ד 34—36; מר׳ ט׳ 1).

## זעקסטער יסוד.

ישו האָט זיינע תלמידים געהייסען, אז זיי זאלען פיינט האָבען און פערלאזען עלטערען, קינדער און ברידער, און זאלען איהם נאָכגעהן, און נור דאן קענען זיי זיין זיינע תלמידים. ישו אליין האָט זיך דערווייטערט פון זיין מוטער מחמת זי האָט ערקלעהרט, אז יוסף, איהר מאַן, איז אויך זיין, ישו׳ס, פאָטער. ער האָט זיך אויך ניט געוואלט בעקענען צו זיינע ברידער, וועלכע האָבען איהם געלעסטערט און געשענדעט, און ניט צו זיין משפחה, וועלכע האָט איהם געהאלטען פיר משוגע. אין טעסטאמענט ווערט וועגען זיין בעציהונג צו זיין מוטער און ברודער דערצעהלט פאלגענדע

געשיכטע: „און זיינע קרובים האָבען דאָס געהערט, זיינען זיי געקומען איהם כאַפּען, דען זיי האָבען געזאָגט, דאָס ער איז פון זינען ארונטער“. ישו איז געווען אין שוהל „און זיין מוטער און ברודער זיינען געקומען און זיינען אין דרויסען געשטאַנען און האָבען געשיקט צו איהם מען זאָל איהם ארויסרופען: דאָס פאָלק איז געזעסען ארום איהם און מען האָט איהם געזאָגט: נון, דיין מוטער און ברידער זיינען אין דרויסען און זוכען דיך. און ער האָט זיי געזאָגט: ווער איז מיין מוטער און מיינע ברידער? און ער האָט אַלעמען בעקוקט וואָס זיינען ארום איהם געזעסען, און ער האָט געזאָגט: דאָ איז מיין מוטער און מיינע ברידער. דען דער וואָס ערפילט דעם רצון פון גאָט דער איז מיר א ברודער, א שוועסטער און א מוטער (מר' ג' 21, 31—35, ו' 4; לוק' ב' 48, י"ד 26; יוחנן ז' 5).

## זיעבעטער יסוד.

ישו האָט ערקלעהרט, אז אויך דער וואָס האָט מקים געווען די גאַנצע תורה פון זיין יוגענד אָן, נור האָט ניט פערלאָזט זיינע עלטערען און גאָר זיין פערמעגען ניט צו ארימע צוגעבען און איז איהם ניט נאָכגעגאַנגען, קען ער ניט זיין זיין תלמיד, קען ער ניט האָבען קיין חלק אין גאָט'ס קעניג־רייך. (מת' י"ט 20—21).

## אכטער יסוד.

ישו ערקלעהרט, אז מען זאָל ניט מיינען, אז ער איז געקומען ברענגען שלום אויף דער וועלט, ער איז געקומען ברייננגען ניט קיין שלום נור א שווערד: די שווערד פון פאטער אין זוהן און פון זוהן אין פאטער; די שווערד פון דער מוטער אין איהר טאָכטער און פון איהר טאָכטער אין איהר מוטער; די שווערד פון שניר אין איהר שוויגער־מוטער. אז פון היינט אָן — אויב עס וועלען זיין פינף אין איין הויז וועלען זיי זיך צושיידען צוויי געגען דריי און דריי געגען צוויי, און דער וואָס פערמאָגט ניט, זאָל זיין מאַנטעל פערקויפען און זיך קויפען א שווערד. א פייער איז ער אויף דער וועלט געקומען ברענגען, און עס ברענט שוין דאָס פייער. (לוק' י"ב 49—53, כ"ב 36; מת' י' 34—35).

## נײַנטער יסוד.

ישו ערקלעהרט: מען זאָל ניט מיינען אז ער איז געקומען מבטל זיין תורת־משה, אָדער די נביאים. ניט צושטערען איז זיין כונה נור צו דערפילען. הימעל און ערד וועלען אונטערגעהן אבער ניט א „קוצו של יוד“, ניט איין פינטעלע אָדער שטריכעלע פון דער תורה; אז דער וואָס איז אליין מקיים די תורה און לערענט אנדערע, דער וועט דערהויבען ווערען אין הימעל־רייך, דער וואָס פערשטערט די תורה און לערענט אויך אַנדערע, דער וועט פערשאַלטען ווערען אין דעם מלכות שמים. אז אויך די סופרים און פרושים זיצען אויף משה'ס שטוהל און וואָס זיי הייסען אפּהיטען דאַרף מען אָפּהיטען און טהאָן. (מת' ה' 17—19, כ"ג 2—3).

## צענטער יסוד.

ישו איז מודה צו די פרושים, אז די גרעסטע מצוה פון דער תורה איז, די אמונה אין איין איינציגען גאָט, דער „שמע ישראל... ה׳ אחד״, דער „ואהבת את ה׳ אלקיך״ און דו זאלסט איהם ליעב האָבען מיט דיין גאנצען הארצען, מיט דער גאנצער נשמה און מיט דיין גאנצען ווענען״, די צווייטע מצוה וואס איז צו איהר גלייך איז די ליעבע צום נעכסטען, צום חבר ווי זיך אליין, דער „ואהבת לרעך כמוך״... (לוק׳ י׳ 25—28, מרק׳ י״ב 29 - 31).

## עלפטער יסוד.

ווי די פרושים האָט אויך ישו ערקלעהרט, אז עס איז ניט דער רצון פון גאט ברוך הוא, אוועקצושטעלען אלץ שטרענג אויף דעם דין, נור מען זאל בעסער בעהאנדלען גרויסמוטהיג, מיט רחמים, „לפנים משורת הדין״. (מת׳ ה, 20).

## צוועלפטער יסוד.

ער איז מבטל די דינים פון טמאה וטהרה, פון ריין און אומריין, „מחמת ניט וואס עס קומט אין מויל אריין פון מענשען קען איהם מטמא זיין״ (מתי׳ ט״ו 10-11).

## דרייצעהנטער יסוד.

ישו מאַכט פאָלגענדע פערשפרעכונגען צו דעם, וואס גלויבט אין איהם: א) זיין שולד וועט ווערען פערגעבען; ב) ער וועט אייביג לעבען; ג) און אויב ער שטארבט וועט ער באלד לעבעדיג ווערען; ד) ער וועט קענען שדים מיט רוחות פערטרייבען; ה) ער וועט רעדען אין אלע שפראכען; ו) ער וועט זיך שפיעלען מיט שלאנגען און זיי וועלען איהם ניט בייסען; ז) ער וועט טרינקען גיפט און עס וועט איהם ניט שאדען; ח) ער וועט זיינע הענד אויף קראנקע לעגען און זיי וועלען געזונד ווערען; ט) אויב ער וועט נור האָבען אמונה אזוי ווי איין קערענדעל פון זענעפט און ער וועט צו א בארג זאגען: הויב דיך אויף, און וואַרף דיך אריין אין ים און דאָס וועט געשעהן; י) אויב ער וועט נור האָבען אמונה ווי איין קערענדעל פון זענעפט און וועט צו א פייגענבוים זאָגען: ווער אויסגעוואָרצעלט און פלאַנץ זיך איין אין די כוואליעס פון ים, וועט עס געשעהען; יא) וועט זוכה זיין צו אייביגען לעבען אין מלכות שמים און וועט מיט איהם פעראייניגט ווערען אין גאָט (מת׳ ט׳ 2, י״ז 20, כ״א 21; מר׳ ט״ז 17—18; לוק׳ י״ז 6; יוחנן ג׳ 36, י״ז 21).

אבער דער וואס וועט אין איהם, דעם זוהן פון גאט, ניט גלויבען, דער, ערקלעהרט ישו, וועט א) קיין לעבען ניט האָבען; ב) גאָט׳ס צארן וועט אויף איהם רוהען; ג) וועט לעבען אין שולד. ווייטער ערקלעהרט ישו, אז אויב די עלטערען, ברידער אדער קינדער וועלען ניט גלויבען איהן איהם, ישו׳ן, איז דער גלויבער א) ניט מחויב פיר זיי גאט צו בעטען; ב) דארף זיי

ניט היילען, ווען זיי זיינען קראַנק; ג) עס איז א מצוה זיי פיינט צו האָבען; ד) עס איז א מצוה זיי צו פערניכטען; ה) צו שילטען ו) צו בערויבען; ז) צו הרג'ענען און פערברענען (מת' ט"ו 21—26; לוק' ט"ז 1—10; יוחנן ג' 18, 36; י"ז 9; יסוד ו, ח).

דאָס זיינען די דרייצעהן יסודות, אויף וועלכע ישו האָט זיין גלויבען געגרינדעט.

---

# צווייטער טהייל.

ישו אליין איז מודה, אז די קלוגע און פערשטענדיגע האָבען אין איהם ניט געוואלט גלויבען, נור די קליינע קינדער. „און ישו האָט געענט־פערט און געזאגט: איך לויב דיך, מיין פאטער דער האַרר פון הימעל און ערד, וואס דו האסט עס פערבאָרגען פון די אויגען פון די קלוגע און פער־שטענדיגע און האסט עס מגלה געווען צו די קליינע קינדער (מתי' י"א 25). „נאַרען" רופט מען „קליינע קינדער" (מד' שמות).

ישו האָט אויך ערקלעהרט, אז ניט וועגען די צדיקים איז ער גע־קומען, נור וועגען די רשעים; ניט צו די געצענדינער, נור צו דעם אידישען פאָלק. ער האָט אויך זיינע תלמידים אנגעזאגט: איהר זאלט ניט געהן צו די היידען, נור צו די פערלוירענע שאָף פון ישראל, איהר זאָלט ניט געבען דאָס הייליגטהום פאר די הינט, און די פערל ניט ווארפט פאר די חזרים, כדי זיי זאלען ניט מיט זייערע פיס צוטרעטען און וועלען זיך אויף אייך וואַרפען און אייך צורייסען (מת' ז' 6, ט' 13, י' 5—6).

לויט די פרושים, וועלכע האָבען געלעבט אין זיין צייט האָבען עדות געזאגט, האָט אפילו ניט איין בן־תורה אדער חשוב'ער מענש געגלויבט אין איהם; זיין נאָכפאָלגערשאַפט איז געקומען בלויז פון דעם המון, וועלכער ווייס ניט קיין תורה. (יוחנן ז' 47—49).

אויך פולוס, זיין אפאסטאָל, ערקלעהרט, אז די חכמים האָבען ניט געגלויבט אין איהם, נור די נאַרען (קארינטהער, א, א, 21).

ווארום האָבען די חכמים און די וואס קענען די תורה אין איהם ניט געגלויבט? וואס זיינען די טעמים? מיר וועלען דאָס ערקלעהרען. אין דעם ערשטען טהייל האָבען מיר אויפגעוויזען די הויפט יסודות פון דעם קריסט־ליכען גלויבען און איצט וועלען מיר זעהן ווי ווייט די מייסטע יסודות האָבען ניט געשטימט מיט דער אידישער תורה, ווי ווייט די מייסטע זיינען געווען א „חלול הקודש".

---

## וועגען דעם ערשטען יסוד.

ישו ערקלעהרט זיך אלס גאָט'ס זוהן, ישו ערקלעהרט אז ער און גאָט איז איינס א. ז. וו.

ווען מען האָט ישו געבראַכט פאר די סנהדרין איהם משפט'ן, זיינען

געקומען פיעלע עדות. די סנהדרין האָבען די עדות שטאַרק חוקר־ודורש געווען און זיי האָבען פון זיי קיין קלאָהרע רייד ניט געקענט ארויסקריגען, אויף וועלכע זיי זאָלען קענען בעגרינדען דעם משפט. דער כהן הגדול האָט זיך דארום געווענדעט צו ישו אליין מיט די ווערטער: איך בעשווער דיך מיט'ן הארר'ס נאָמען, וואָס האָט הימעל און ערד בעשאַפען, אז דו זאָלסט מיר זאָגען אויב דו ביסט גאָט'ס זוהן, אויב דו ביסט משיח? ישו האָט איהם געענטפערט: „דאָס בין איך און איהר וועט מיך זעהן ביי גאָט'ס רעכטע האַנד זיצען, אין די הימעל וואָלקענס (מת' כ"ו 57; מר' י"ד 53—64).

ער האָט, אלזא, אליין זיך פאר די סנהדרין מודה געווען, אז ער איז גאָט'ס זוהן, און אז ער איז משיח.

דער כהן הגדול, ווען ער האָט די רייד געהערט, האָט ער זיינע קליידער צוריסען, מחמת ער האָט פון ישו'ס מויל געהערט, אז ער ערקלעהרט זיך פיר א גאָט, און וויל מען זאָל איהם דיענען — איז ער דאָך א „מסית" און א מסית איז על פי דין אויך א מגדף, א גאָט לעסטערער. און ווען מען הערט א מגדף לעסטערען גאָט דאַרף מען זיך צורייסען די קליידער. דאָס איז דער דין. ביי חזקיהו המלך געפינען מיר, אז ווען ער האָט געהערט רבשקה לעסטערען גאָט האָט ער זיינע קליידער צוריסען (ישעיה ל"ו 4, ל"ז 1). דער כהן גדול האָט דארום נאָך ישו'ס ערקלעהרונג, וועלכע איז געווען א גאָט'ס לעסטערונג, זיך באַלד צוריסען די קליידער (במדבר ט"ו 30; סנהדרין נ"ו, א').

דער כהן גדול האָט זיך דאַן געווענדעט צו די סנהדרין און געזאָגט: וואָס דאַרפען מיר נאָך עדות? מיר אליין האָבען זיין גאָטלעסטערונג געהערט. זאָגט וואָס איז אייער מיינונג?

דער כהן גדול האָט געוואָלט, אז זיי זאָלען זייער מיינונג ארויסזאָגען פריהער פאר איהם, אין אנקלאַנג מיט דעם דין, אז ביי טויט־שטראָף דאַרף מען פריהער הערען די מיינונג פון די קלענערע. (סנהדרין ל"ה). זיי האָבען אלע איהם פערשולדיגט און ערקלעהרט, אז ער פערדיענט א טויט־שטראָף.

זייער משפט איז געווען געגרינדעט אויף דער תורה; די תורה האָט געזאָגט: שמע ישראל... גאָט איז איינער" (דברים ו—ד) ווייטער אין די עשרת הדברות: „דו זאָלסט ניט האָבען קיין אנדרע געטער אויסער מיר" (שמות כ' ג), ווייטער: „איהר זאָלט מיט מיר מעהר גאָר ניט מאַכען" (דאָרט 23), ווייטער: „איך בעשעפער, דאָס איז מיין נאָמען און מיין עהרע וועל איך ניט געבען קיין אנדערען" (ישעיה מ"ב 3), ווייטער: „איך בעשעפער וועל ניט געענדערט (מלאכי ג' 6), די תורה הייסט א מסית פערשטיינען (במדבר ט"ו, ל, דברים י"ג י"א). די סנהדרין האָבען אָבער איהם דאָך בעפרייט פון טויט־שטראָף, ווייל לויט די חכמים האָבען ערקלעהרט, איז, ווען א מסית קומט און זאָגט אויף זיך אליין אז ער איז א גאָט, זאָל מען איהם ניט טוידטען. ווארום קיין מענש וועט איהם ניט גלויבען. מען וועט

איהם האלטען פאר א חסר דעה און מטורף. מחמת אויב א בשר וודם קען זיין א גאָט, ווארום זיינען ניט אלע מענשען געטער? ווי מיר געפינען ירמיה הנביא רעדט מיט וואונדער: וועט זיך דער מענש פיר א גאָט מאכען און זיי אליין זיינען ניט קיין געטער? (ירמיהו ט"ז, 20, סנהדרין ס"א א—ב

די סנהדרין האָבען דארום ישו בעפרייט פון טויט שטראף. ער איז נאָך זייער מיינונג ניט געוועזען מעהר ווי א חסר־דעת, פאר א חסר־דעה און משוגענעם האָבען איהם געהאלטען הורדוס און זיינע מענשען. „הורדוס מיט זיינע בעגלייטער האָבען געשפּאָטעט פון איהם און געלאכט (לוק' כ"ג, 11). אויך זיין משפחה האָט גערעכענט, אז ער איז פון זינען ארונטער (מארק' ג'—21). די רוימער וואס האָבען איהם געקרייציגט, האָבען געשפּאט און געלאַכט פון איהם ווי מען לאַכט פון א פעררירכטען. — נאָך א טעם — ווייל אלע סנהדרין האָבען איהם בעשולדיגט, און דער דין איז, אז ווענינע פון זיי מוזען אויף איהם זוכען א זכות (מסעי ל"ה 24—25. סנהד' 19).

עס איז געבליעבען זיין צווייטע ערקלעהרונג, אז ער איז משיח. אבער אויך אויף דעם צווייטען פּונקט האָבען זיי איהם קיין טויט־שטראף ניט געקענט געבען: ווארום ווי קען א חסר־דעה און א מגדף און מסית זיין א משיח?

דער כהן גדול האָט די אידען ערקלעהרט, אז ווען ישו וועט אין גאנצען בעפרייט ווערען קען ער נאָך אויף די אידען אן אונגליק ברענגען, ווייל נארען און עמי־הארצים, וואס גלויבען איהם, און וועלכע זיינען ניט בעקאנט מיט די דינים פון דער תורה, וועלען נאָך דער בעפרייאונג ביי זיך פעסטער ווערען אין זייער נארישען גלויבען, זיי וועלען מיינען, אז די סנהדרין האָבען איהם בעפרייט, מחמת אויך זיי רעכענען איהם פאר גאָט'ס זוהן, און האלטען איהם פיר א משיח, און עס וועט צוליעב דעם ווערען א מרידה געגען דער אויבערשאפט פון רוים, און רוים די בייזע, וועט זיך מיט דער געלעגענהייט פון דער מרידה בענוצען צו פערטיליגען דאָס פאלק ישראל און זיין לאנד. דער כהן גדול האָט דארום די אידען גערעאָטען איהם איבערצוגעבען אלס מורד אין די הענד פון פילאטוס: בעסער זאָל איינער שטארבען פיר דעם גאנצען פאלק איידער דאָס גאנצע פאלק איבער איינעם. (יוחנן י"א, 48—50).

די אידען האָבען געפאלגט זיין עצה און איהם איבערגעגעבען אלס מורד אין די הענד פון פילאטוס. פילאטוס אליין האָט איהם לכתחילה גע־וואָלט בעפרייען. עס איז קלאָהר אז ער האָט דאביי געהאט אן ערמה: זאלען די נארען און דער פעבעל זעהן, אז פילאטוס האָט איהם בעפרייט, פילאטוס, דער רוצח און אכזר, און זיי וועלען טראכטען: זעה, אויך פילאטוס האָט איהם בעפרייט, ווייל ער האָט מורא געהאט פאר איהם, דעם זוהן פון גאָט און משיח, און זיי וועלען זיכער אויפהויבען א מרידה געגען רוים, און ער וועט דאן האָבען די געלעגענהייט ארויפצופאלען אויף דעם פאלק ישראל

און עס פערניכטען, אויף וואס ער האָט שוין זייט לאנג געשאַרפט זיינע ציינער.

די אידען האָבען אבער פערשטאַנען די בייזע מחשבה פון פילאטוס און כדי ניט צו זיין פעראנטוואָרטליך פאר דער מרידה, אויב זי וועט געשעהן, האָבען זיי צו איהם געזאגט: אויב אזוי מוזען מיר וועגען דעם צו דעם קיסר אליין לאזען וויסען, כדי מיר זאלען פאר איהם ניט בעשטראַפט ווערען.

ווען פילאַטוס האָט געזעהן, אז זיין ערמה איז ניט געלונגען, האָט ער פער'משפט ישו'ן אלס מורד, האָט זיין שולד אויף א טאָוועל אויפגעשריע־בען און בעפוילען זיינע רוימער איהם צו קרייציגען, און דעם טויט־שטראף טאַוועל אויף דעם קרייץ־קלאָץ אויפהענגען. זיי האָבען אזוי געטהאָן.

פון די אלע רייד איז קלאָהר, אז די סנהדרין האָבען אונטער די אומ־שטענדען זעהר ריכטיג געטהאָן וואס זיי האָבען איהם איבערגעגעבען צו די רוימער. מיט דעם האבען זיי פון דעם קאָפ פון פאלק ארונטערגענומען א גרויסע געפאהר, וועלכע האָט געשוועבט אויף איהם כל זמן ישו האָט געלעבט.

ער איז געווען א מורד, און מיט רעכט האָבען זיי ערקלעהרט: „בעסער זאָל שטאַרבען איינער פיר דעם גאנצען פאלק, איידער דאָס גאנצע פאָלק איבער איינעם“.

ישו איז ניט נור געווען א מורד, נאָר אויך ביטרע ווי א פוקס, טראָטץ דעם וואס ער האָט אויף זיך ארויפגעצויגען א תמים'דיגע מינע פון א טויי־בעלע. ווען ער האָט זיינע תלמידים אָנגעזאגט: „זייט תמים'דיג ווי די טויי־בעלעך און ביטרע ווי די שלאַנגען“, האָט ער זיין אייגענע פראַקטיק אויס־געדריקט אין דער פאָרמע פון א געבאָט. (מת' י' 16).

די פרושים זיינען דאָ, בכן, געווען אין א גרויסער פערלעגענהייט. אויף זיינע ענטפערס האָט מען פיעל ניט געקענט בויען, ווייל ער האָט תמיד זיך געזוכט אויסצודרעהען מיט אן ערמה און ניט ענטפערען דירעקט אויף דער געשטעלטער פראגע.

ווען די אידען האָבען איהם געוואָלט פערשטיינען, ווייל ער האָט געזאגט: — „איך און דער פאָטער זיינען איינס“ — האָט ער זיי געענט־פערט: ער מיינט, אזוי ווי די שריפט רעדט: — „איך האָב געזאגט איהר זיינט געטער“ — ווייל אין זיי איז גאָטעס וואָרט. אין דעם זינן רוף איך מיך אויך גאָט; ווייל אין מיר איז אויך גאָטעס וואָרט“; ווען אָבער ער האָט זיך א ביסעל דערוויטערט פון די אידען און האָט בעמערקט, אז ער קאָן זיך „אויסדרייען פון זייערע הענד“ — האָט ער וויעדער דייטליך געזאגט: „דער פאָטער איז אין מיר און איך אין איהם“. — די סנהדרין און אויך פילטוס האָבען איהם געפרעגט, אויב ער איז גאָטט'ס זוהן, אויב ער איז דער מלך משיח? האָט ער געענטפערט: „איהר זאגט“. — ער האָט ניט מפורש געווען

זיין מיינונג: אויב: איהר אליין זאָגט דאָך אויך אזוי, אָדער: נאָר איהר אליין זאָגט אזוי, אָבער איך אליין זאָג גאָר ניט אזוי (יוחנן י׳ 30—39; מת׳ כו, 64; כז, 11; מר׳ טו, 2; לוק׳ כב, 70, כג, 3; יוחנן יח, 37).

און קלאָהר איז פאר אונז: אז ווען די פּרושים אין טיטוס׳עס צייטען וואלטען געווען געהאנדעלט מיט די פּריצים, ווי זיי האָבען מיט ישו, אין טיבערוס צייטען, וואלט דעמאלט ירושלים ניט חרוב געוואָרען.

## וועגען דעם צווייטען יסוד.

ישו האָט זיך ערקלעהרט אלס א משיח. די אידען האָבען ניט געגלויבט, אז ער איז משיח, אויסער דעם וואס ער איז געוועז א מסית און א מסית קען קיין משיח זיין, ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט, אויך צוליעב אנדערע פיער טעמים.

## דער ערשטער טעם.

ווען די סופרים און פּרושים האָבען איהם געבעטען בעווייזען א מופת אויף זיינע רייד, האָט ער זיך ענטזאָגט, און האָט זיי געשאָלטען, געזידעלט און געגעבען פאלשע תירוצים; ער האָט ערקלעהרט, אז אויך אליהו הנביא האָט אין הונגער יאָהר ניט געשפּייזט די אידען, נור גראד א פרוי פון צרפת, אז אלישע הנביא האָט ניט געהיילט קיין אידישע מצורעים, נור נעמן הארמי — די אידען, ווען זיי האָבען דעם ענטפער געהערט, זיינען זיי אויף איהם שטארק בייז געוואָרען (לוק׳ ד׳ 28—25). מחמת זיין ענטפער איז ניט געווען ממין הטענה: א) אליהו און אלישע זיינען געווען בעוואוסטע נביאים, און זיי האָבען ניט בעדארפט ווייזען קיין מופתים, ב) זיי זיינען ניט געקומען מיט א בשורה, אז זיי זיינען משיחים, און עס איז ניט געווען נויטיג, אז זיי זאָלען זייערע רייד דארפען בעקרעפטיגען מיט מופתים. אלץ וואס זיי האָבען געפאָדערט איז געווען, אז מען זאָל ניט דיענען די עבודה זרה „בעל״, וואָס די תורה האָט פערבאָטען; ג) די תורה אליין האָט פערבאָטען אז מען זאָל ניט פאָדערען קיין ניסים (דברים ו׳ 16). אין דעם פאל אָבער פון ישו איז די זאך געשטאַנען גאנץ אנדערש: 1) ער אליין און זיין פאָטער זיינען געווען סטאָליאַרעס, ניט קיין געלערענטע מענשען, קיין תלמידי־חכמים; (מת׳ י״ג 54—56; מר׳ ו׳ 2—3); 2) ער איז געקומען און ערקלעהרט, אז ער וועט פון די רוימער די אידען בעפרייען, אז ער איז מלך־המשיח, די אידען האָבען געהאַט רעכט צו פאָדערען א נס אָדער א מופת. אויך משה רבנו, ווען ער איז געקומען די אידען בעפרייען, האָט איהם גאָט געהייסען ווייזען מופתים, כדי דאָס פאָלק זאָל איהם גלויבען, (שמות ד׳ 1—9); נאָך מעהר: זיינע תלמידים האָבען דערצעהלט, אז פאר דעם המון אין די דערפער בעווייזט ער מופתים: היילט קראנקע, מאכט בלינדע זעהענדיג, מאכט רעדען שטומע, און מאכט טויטע לעבעדיג און נאָך און נאָך, און די פּרושים האָבען זיך אין אזא וויכטיגער אנגע־

לענענהייט אויף דעם המון ניט געוואָלט זיך פערלאָזען. דער המון לאָזט זיך לייכט אבנארען, זיי האָבען מיט רעכט געפאָדערט, אז ער זאָל פאר זייערע אויגען מופתים בעוויעזען, האָט ער קיין מופת בעוויזען ניט געקענט, און געענטפערט מיט זידעל־ווערטער. (מת׳ י״ב 38—39, ט״ז 1—4).

זיין תירוץ, אז „ער קען פאר זיי קיין מופת ניט ווייזען, ווייל זיי גלויבען איהם ניט" איז ריינער שווינדעל. דעם מופת האָבען זיי דאָך געוואָלט, כדי זיי זאָלען איהם קענען גלויבען. (מר׳ ו׳ 5; מת׳ י״ג 58).

און דאָס וואס יוחנן דערצעהלט, אז ער האָט פאר אלע אידען אין די אויגען לעבעדיג געמאכט אליעזר, נאָכדעם ווי ער איז געווען טויט פיער טאג, דארף מען ערנסט ניט נעהמען. ניט נור האָבען פרושים פון דעם ניט געוואוסט און ניט געהערט, נאָר אויך ניט אנדערע וואנגעליסטען ווי מתי, מארקוס, לוקוס. דער מופת ווערט פון זיי גאר ניט דערמאנט. היינט אויב זיינע אייגענע תלמידים האָבען פון דעם ניט געהערט, פון וואנען זאָלען וויסען די געגנער? (יוחנן י״א, 1—46).

## דער צווייטער טעם.

דער ריכטיגער צוועק פון משיח׳ס קומען, לויט אלע נביאים האָבען ערקלעהרט, איז צו שאפען שלום אויף דער וועלט.

ישעיה הנביא זאגט: ער (משיח) וועט משפט׳ן צווישען די היידען, און ער וועט פיעל פעלקער שטראפען; זייערע שווערדען וועלען זיי אויף אייזענאקערס צושטויסען און זייערע שפיזען אויף שניידמעסער. א פאלק אויף א פאָלק וועט קיין שווערד ניט אויפהויבען און זיי וועלען זיך קיין מלחמה מעהר ניט לערנען; א קינד איז אונז געבוירען געוואָרען און די הערשאפט וועט זיין אויף זיין אקסעל און זיין נאָמען וועט גערופען ווערען: וואונדערליכער ראטהגעבער, מעכטיגער העלד, אייביגער פאטער און דער הארר פון פריעדען (ב׳ 4, ט׳ 5—6).

הושע הנביא זאָגט: אין יענעם טאָג (ווען משיח וועט קומען) וועל איך א בונד שליסען מיט די חיות פון פעלד, מיט די פויגלען פון הימעל און מיט די פליגלעך פון דער ערד. און א בויגען און א שווערד אין מלחמה וועל איך צוברעכען פון דער ערד און איהר וועט רוהען אין זיכערהייט (ב׳ — 20).

מיכא הנביא זאגט: און צווישען די פעלקער וועט ער (משיח) משפט׳ן און וועט שטראפען די שטארקע היידען ביז ווייט און אויף אקער־אייזען וועלען זיי זייערע שווערדען צושטויסען און זייערע שפיעזען אויף שניידמסער; מעהר וועט שוין א פאלק אויף א פאלק קיין שווערד ניט אויפהויבען, זיי וועלען זיך קיין מלחמה מעהר ניט לערנען (ד׳—3).

ישו, וועלכער האָט זיך גערופען משיח, האָט אבער גאנץ אנדערש ערקלעהרט: איהר זאָלט קיין טעות ניט האָבען, אז איך בין געקומען ברענגען שלום אויף דער וועלט. ניט שלום בין איך געקומען ברענגען נור א

שווערד, א שווערד פון פאטער און זוהן און פון זיין זוהן אין זיין פאטער, א שווערד פון א מוטער אין איהר טאכטער און פון דער טאכטער אין דער מוטער, א שווערד פון דער שוויגערמוטער אין דער שנור און פון א שנור אין איהר שוויגערמוטער, פון יעצט אן ווען פינף וועלען זיין אין איין הויז וועלען זיי זיך צושיידען, דריי געגען צוויי און צוויי געגען דריי, און דער וואס האט ניט, זאל זיין מאנטעל פערקויפען און קויפען זיך א שווערד, א פייער אויף דער וועלט בין איך געקומען ברענגען, עס ברענט שוין.

די תורה ונביאים האבען מבטיח געווען, אז משיח וועט צונויפזאמלען די פערבלאנדזשעטע און פערווארפענע אידען פון אלע עקען פון דער וועלט און זיי ברייננגען צוריק קיין ארץ־ישראל, אז ער וועט דאס בית־המקדש בויען, און דאס מלכות בית דוד אויפריכטען (יחזקאל ל"ו מ"ח). פון דעם אלעם איז גאר ניט מקוים געווארען, ניט דאס מינדעסטע. ער האט דעם אידישען פאלק קיין שלום ניט געבראכט, נור א שווערד.

שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, אז די וואס גלויבען אין איהם באדען זיך אין אונזער בלוט אין זיין נאמען. ער האט די שווערד טיעף אין אונזער הארץ איינגעשטעקט און דאס אידישע בלוט גיסט זיך טייכענווייז, שוין דורות און דורות.

## דער דריטער טעם.

די תורה און די נביאים האבען געזאגט, אז משיח וועט שטאמען פון שבט יהודה און פון די קינדער פון דוד המלך.

די תורה זאגט: עס וועט זיך ניט אפטהאן די רוט פון יהודה און ניט דער געזעצגעבער... ווארום שילה וועט קומען און ארום איהם וועט זיין די פעלקער פערזאמלונג (בראשית מ"ט 10).

נתן הנביא זאגט: און איך האב איהם אוועקגעשטעלט אין מיין הויז און אין מיין קעניגרייך ביז אייביג (דברי הימים י"ז—14).

איתן האזרחי זינגט וועגען איהם: איינמאל האב איך אין מיין הייליגטהום געשווארען, וועל איך דען ליגען זאגען צו דוד'ן? זיינע קינדער וועלען אייביג זיין; זיין שטוהל ווי די זונן און די לבנה וועט פעסט שטעהן אויף אייביג קעגען מיר (תהלים פ"ט 37—39).

ישעיה הנביא זאגט נביאות וועגען איהם: עס וועט א שטעקעל פון ישי ארויסשטאמען און א צווייג פון זיינע ווארצלען וועט בליהען, און עס וועט זיין אין יענעם טאג וועט ישי'ס ווארצעל שטעהן אלס פאהן פאר די פעלקער, צו איהם וועלען פעלקער זיך ווענדען (ישעיה י"א 1-10).

ירמיה הנביא זאגט אויף איהם נביאות: „אין יענע טעג און אין יענער צייט וועל איך דוד'ן געבען א שפראצונג פון גערעכטיגקייט. אזוי האט געזאגט גאט: אזוי ווי איהר קענט פערשטערען מיין בונד וואס איך האב געמאכט מיט דעם טאג און מיט דער נאכט, אז עס זאל מעהר קיין טאג און נאכט זיין אין זייער צייט, אזוי וויל איך פערשטעהרען מיין בונד

מיט דוד'ן, אַז ער זאָל אויפהערען צו האָבען אַ זוהן, אַ קעניג, אויף דער שטוהל. און גאָט האָט געזאָגט צו ירמיה אַזוי צו זאָגען: דו זעהסט דאָך וואָס דאָס פאָלק רעדט: צוויי משפחות האָט ער פאַר זיך אויסדערוועהלט און האָט זיי פער'מיאוס'ט און זיי דערצערנען מיין פאָלק... אַזוי האָט געזאָגט גאָט: ווען מיין בונד מיט טאָג און נאַכט, די געזעצען פון הימעל און ערד וועלען אויפהערען, דאַן וועל איך די קינדער פון דוד פער'מיאוס'ען צו נעה־מען פון זיינע קינדער רעגירער אויף די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב ווען איך וועל זיי אין לאַנד אומקעהרען און וועל זיי דערבאַרמען" (ל"ג 15, 20—26).

יחזקאל זאָגט נביאות: „און איך וועל אויפשטעלען אַ פּאַסטוך און ער וועט זיי פּאַשען: מיין קנעכט דוד, ער וועט זיי פּאַשען און ער וועט זיין זייער פּאַסטוך, מיין קנעכט דוד וועט זיין אַ האר איבער זיי, מיין קנעכט דוד וועט זיין אַ קעניג איבער זיי". (יחזק. ל"ז 24—25).

ישו אָבער, וואָס האָט געוואָלט גילטען אַלס משיח, האָט ערקלעהרט, אַז קיין פאָטער האָט ער ניט געהאַט, און זיין מוטער, אויסער דעם וואָס די תורה רעכענט די פאַמיליע נאָך די פאָטערס (במדבר א' 3) — שטאַמט זיין מוטער מרים, גאָר פון אהרן הכהן'ס משפחה און ניט פון יהודה. (לוק' א' 36).

ווי עס זעהט זיך פון איין פּלאַץ אין עוואַנגעליום האָט ישו געפיהלט, אַז זיין אָבשטאַם און זיין ערקלעהרונג מכח זיין געבורט פון גאָט'ס גייסט, שטימט ניט מיט דער נבואה, און ער האָט עס געוואָלט פערענטפערען. אין מתי (כ"ב 42—46), ווערט אַזוי פערצעהלט: „ווען די פּרושים האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום איהם האָט ער זיי געפרעגט, וואָס דענקט איהר וועגען דעם משיח? וועמעס זוהן איז ער? זיי האָבען איהם געענטפערט: דער זוהן פון דוד. און ער זאָגט צו זיי: אויב אַזוי, וואָרום רופט דוד דעם משיח האַרר? זאָגענדיג: דאָס זיינען די רייד פון גאָט צו מיין האַרר, זיץ צו מיין רעכטער האַנד ביז איך וועל מאַכען דיינע פיינד אַ פוסבענקעל צו דיינע פיס", אויב דוד רופט איהם האַרר ווי אַזוי איז ער זיין זוהן?"

פון דער שטעל אין דער עוואַנגעליום איז צו זעהן, אַז ישו פּרובירט פון דעם פּסוק אויס'פּשט'לען, אַז משיח וועט ניט זיין אַ בן דוד, נאָר דער זוהן פון גאָט אַליין, דען נור גאָט אַליין איז אַ האַרר איבער דעם מלך.

אין אמת'ן אָבער איז זיין שאלה קיין שאלה ניט, און דער תירוץ איז גלאַט דברים בטלים. דען יענעם פּסוק אויף וועלכען ישו שטיצט זיך רעדט גאָר ניט וועגען משיח. דוד רעדט אין יענעם שיר וועגען די מלחמות, וואָס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען מיט די פיינד און אין וועלכע די פיינד זיינען בעזיעגט געוואָרען. משיח, ווי מיר האָבען שוין אויפגעוויעזען, איז דער מלאך השלום און ער האָט מיט מלחמות ניט צו טהאָן. דאָס וואָרט מלכי־צדק מיינט אויך ניט משיח, ווי ישו וויל עס אויסטייטשען, ווי קומט מלכי־צדק צו משיח?

באמת איז דער פשט אין יענעם פלאץ, ווי די חז"ל האָבען עס ער־קלעהרט: דער שיר ווערט געזינגען אין אברהם אבינו'ס נאָמען. דוד האָט דאָ בעזונגען די נצחונות וואָס אברהם אבינו האָט געפייערט איבער די מלכי־אמורי. און ווייל אברהם איז דער ערשטער וואָס האָט דערקענט דעם בעשעפער און איהם גערופען „אדוני" (בראשית ט"ו ב.) האָט ער אליין זוכה געווען צום נאָמען: „אדוני". (בראשית כ"ג 5—15). אויך פעטרוס ווייס וועגען דעם, אז אברהם אבינו טראָגט דעם נאָמען „אדוני" (פעטרוס א' ג' 6). און אזוי ווי דאָס געהט אויף אברהם איז שוין אויך פערשטענדליך, ווארום דער נאָמען מלכי־צדק ווערט דאָרט דערמאָהנט; מלכי־צדק, ווענען אברהם אבינו האָט בעגעגענט נאָך דעם ווי ער איז צוריק געקומען פון דער מלחמה מיט אמורי. (סנהדרין ק"א—ב).

ישו האָט אָבער מיט א פשט'על געוואָלט אומוואָרפען די גאנצע נבואה מכח דעם אָבשטאַם פון משיח. קיין וואונדער ניט וואָס די פרושים האָבען די בעהויפטונג זיינע ניט געקענט גלייכגילטיג אויפנעהמען.

אינטערעסאַנט און צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז וואָס די אַפּאָסטאָלען פעטרוס און פולס, וועלכע טייטשען אויף יענע שטעלע אין תהילים, אז זי געהט אויף משיח'ן, גלויבען אָבער פון דעסטוועגען, אז משיח שטאַמט קער־פערליך פון דוד, און זיי אַרט כלל ניט די פראַגע וואָס ישו האָט געפרעגט די פרושים: אויב ער איז זיין זוהן, ווארום רופט ער איהם „אדוני" — מיין הארר? (אפ' גע' ב' 30—35; בריפ' העבר' א' 13, ז' 14, 21). דאָס צייגט קלאָהר, אז די אַפּאָסטאָלען האָבען ניט געוואוסט פון די עוואַנגעליסטען.

## דער פיערטער טעם.

לויט דער נבואה דארף פאר משיח קומען אליהו הנביא. ווי מיר גע־פינען אין מלאכי: „איך שיק אייך אליהו הנביא פאר דעם אָנקומען דעם גרויסען טאָג, דעם פאָרכטיגען טאָג, (מלאכי ג'—23), און אליהו איז נאָך ניט געקומען?

זיינע תלמידים האָבען איהם געפרעגט: ווארום זאָגען די פרושים (ווי עמי הארצים האָבען זיי ניט געוואוסט, אז ניט די פרושים נאָר מלאכי הנביא האָט עס געזאגט) אז אליהו הנביא מוז פריהער קומען? ישו האָט זיך מודה געווען, אז אליהו דארף קומען, נאָר האָט ערקלעהרט, אז אליהו איז שוין גע־קומען. ער האָט געמיינט יוחנן המטבל. ישו האָט געזאָגט: אויב איהר ווילט איז יוחנן אליין אליהו וועלכער דארף קומען, (מתי י"א—14, י"ז—13).

די אידען האָבען ניט געגלויבט און האָבען געשיקט יוחנן פרעגען, און ער האָט מודה געווען און ניט געלייקענט: איך בין ניט דער משיח. און מען האָט איהם געפרעגט: ווער ביזטו דען? ביזטו אליהו? און ער האָט געענטפערט: איך בין ניט אליהו. און די שליחים זיינען געווען פרושים. (יוחנן א' 19—22).

היוצא לנו מדברינו: די אידען זיינען געווען גערעכט, וואס זיי האבען ניט געגלויבט, אז ער איז משיח.

---

## דער דריטער יסוד.

ישו האט ערקלעהרט, אז ער איז געשיקט געווארען צו זיין א קרבן פאר דער זינדיגער וועלט און די פרושים האבען איהם ניט געגלויבט.

דען דוד המלך האט געזאגט: „קיין שעכטונג, קיין מנחה האסטו גאר ניט בעגעהרט, אן עולה אדער א חטאת האסטו גאר ניט געבעטען", (תהלים מ' 7), ניט פאר דיינע שעכטונגען מאך איך דיר פארוואורף, דיינע עולות זיינען שטענדיג פאר מיר, איך נעהם ניט פון דיין הויז קיין אקס, פון דיין שטאהל — קיין צאפעס.אויב איך וועל הונגערען וועל איך דיר ניט זאגען, דען מיר געהערט די וועלט מיט אלץ וואס אין איהר. צו וויל איך דען עסען דאס פלייש פון רינדער? צו וויל איך דען טרינקען דאס בלוט פון צאפעס? (תהלים נ' 8—13). ירמיהו הנביא האט אויך ערקלעהרט: איך האב צו אייערע עלטערען ניט גערעדט און האב זיי ניט געהייסען ברענגען א עולה אדער אשעכטונג, (ירמיה ז'—22).

דער גאנצער ענין פון קרבנות איז געווען מיט דער כונה אפצו־געוועהנען די אידען פון ברענגען קרבנות צו דער עבודה זרה. די תורה איז קלאהר אויף דעם פונקט: און זיי זאלען שוין מעהר ניט שעכטען זייערע שעכטונגען צו די שעירים אין די פעלדער ווי ביז איצט (ויקרא, אחרי י"ז 6-7)

אט וואס דער מדרש האט וועגען די קרבנות צו זאגען: משל, צו וואס איז דאס גלייך, צו א מלך'ס זוהן וואס איז געווען געוואהנט צו עסען אומ־ריינע שפייז, נבלה און טרפה, האט דער מלך געזאגט: איך וועל איהם זעצען ביי מיין אייגענעם טיש און ער וועט זיך שוין אליין אבגעוואהנען. אזוי אויך: די אידען אין מצרים זיינען געווען אריינגעטהאן אין דער עבודה זרה און פלעגען ברענגען צו זיי קרבנות און זיי האבען אויף זיך ארויפגעצויגען פורעניות, האט גאט געזאגט: זאלען זיי מקריב זיין די קרבנות אין אוהל־מועד און זיי וועלען זיך אפשיידען פון דער עבודה־זרה און זיי וועלען ניצול ווערען, (מד"ר אחרי).

און ווען גאט ברוך הוא איז געגען קרבנות בכלל, א כל שכן אז עס איז אומווירדיג צו ברענגען א מענשליכען קרבן. נאך פיעל מעהר אן אייגענעם זוהן פאר א קרבן. מקריב זיין די קינדער פאר א קרבן איז דער מנהג פון גע־צענדיענער, וואס די תורה האט פערבאטען: אלע אומווירדיגקייטען וואס גאט האט פיינט טהאן זיי פאר זייער גאט, ווארים אויך זייערע זיהן און טעכטער פערברענען זיי אין פייער פאר זייערע געטער. (דברים י"ב 31).

נאך מעהרער, נאך זיין ערשטען יסוד, אז ער איז גאט'ס זוהן, האט גאט אליין זיין זוהן געבראכט א קרבן?

מיט רעכט האָבען די פּרושים ערקלעהרט, אַז ניט אַנדערש דאָס דער בעל־זבוב איז אין איהם אריין. (מר' ג' 22).

---

## דער פיערטער יסוד.

ישו האָט פערשפּראָכען, אַז נאָך דעם דריטען טאָג וועט ער אויפשטעהן לעבעדיג פון קבר. מכח דעם האָבען מיר פינף עדות, וועלכע איינער לייקענט אָפּ דעם אַנדערען.

## דער ערשטער עדות איז מתי, ער זאָגט אַזוי:

און נאָך מוצאי שבת, ווען עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגען — איז מרים מגדלינה און די אַנדערע מרים געקומען דעם קבר זעהן. און נון, איז אַ גרויסע ערד־ציטערנים געוועז; וואָרים אַ מלאך פון גאָט איז אַראָבגעקומען און ער איז צוגעגאַנגען און האָט אַראָבגעקייקעלט דעם שטיין פון דער טהיר פון קבר און איז געזעסען אויף איהם. זיין געשטאַלט איז ווי אַ בליץ געוועז, און זיינע קליידער — וויים ווי שנעע, און די שומרים האָבען געציטערט פון שרעק, און זיינען אַזוי ווי טויטע געוועזן. און דער מלאך האָט געענטפערט און האָט צו די ווייבער געזאָגט: פאָרכט אייך ניט; וואָרום איך וויים, דאָס איהר זוכט ישו'ן, וואָס איז געקרייציגט געוואָרען, ער איז ניט דאָ: וואָרום ער איז אויפגעשטאַנען אַזוי ווי ער האָט געזאָגט. קומט און זעהט דעם אָרט, וואו דער הערר איז געלעגען, און געהט געשווינד, און זאָגט זיינע תלמידים, דאָס ער איז פון דעם טויט אויפגעשטאַנען, און זעהט, ער וועט פאַר אייך געהן קיין גליל, דאָרט וועט איהר איהם זעהן. — און ווי זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו זיינע תלמידים דערצעהלען, אַזוי האָט ישו זיי בעגעגענט און האָט געזאָגט: שלום צו אייך. און זיי זיינען צו איהם געקומען, און האָבען איהם ארומגענומען ביי זיינע פיס, און האָבען זיך צו איהם געבוקט, דאַמאָלט האָט ישו צו זיי געזאָגט: האָט קיין מורא ניט, געהט און זאָגט מיינע ברידער (כ"ח, 1—10).

ער דערמאָהנט קיין וואָרט ניט, אַז זיי האָבען דאָרט אין קבר געזעהען אַ יונג אין אַ ווייסען מאַנטעל וואָס זיצט ביי דער רעכטער זייט, וועגען וואָס מארק האָט דערצעהלט.

ער דערמאָהנט אויך ניט, אַז צוויי אין העלען בעקליידעט שטעהען איבער זיי און זיי האָבען זיי געזאָגט — און פּטרוס איז אויפגעשטאַנען און צו דעם קבר געלאָפען, און ער האָט זיך איינגעבויגען צו זעהן אינעווענינג ער האָט מעהר ווי די תכריכים ניט געזעהען. — וועגען וואָס לוקס דערצעהלט:

ער דערמאָהנט אויך ניט, אַז פּטרוס מיט דעם צווייטען תלמיד

זיינען צו דעם קבר געלאָפען און פטרוס איז אין קבר אריינגעגאנגען, נאָכדעם אויך דער צווייטער תלמוד — און זי האָט געזעהן צוויי מלאכים אין ווייסען זיצען, איינער צוקאָפּענס און איינער צו פיסענס אויף דעם אָרט וואו ישו'ס קערפּער איז געלעגען, און זיי האָבען געזאָגט צו איהר: פרוי, וואָרום וויינסט דו? — און זי האָט געזאָגט: — ווייל זיי האָבען מיין הארר אוועקגענומען, און זי האָט געזעהען ישו'ן שטעהן, און ישו האָט צו איהר געזאָגט: דו זאָלסט זיך אָן מיר ניט אָנריהרען. — וועגען וואָס יוחנן דערצעהלט:

## דער צווייטער עדות איז מארקוס, ער זאָגט אזוי:

און נאָך שבת, דעם ערשטען טאָג, גאנץ פריה זיינען זיי געקומען צום קבר, ווען די זונן איז אויפגעגאַנגען, און איינע צו דער צווייטע האָט געזאָגט: ווער וועט אונז דעם שטיין פון דעם קבר אוועקקייקלען? און זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און האָבען געזעהן, אז דער שטיין איז אוועקגעקייקעלט, וואָרים דער שטיין איז זעהר א גרויסער געוועזן. און זיי זיינען אין קבר געקומען און האָבען דערזעהן א יונג איינגעוויקעלט אין א ווייס העמדעל זיצט פון דער רעכטער זייט. און זיי זיינען דערשראָקען געוואָרען. און ער האָט זיי געזאָגט: שרעקט זיך ניט, איהר זוכט ישו הנצרי דעם געקרייציגטען, ער איז דאָך אויפגעשטאַנען און איז דאָ ניטאָ מעהר. זעהט דעם אָרט, וואו זיי האָבען איהם געלעגט, נאָר געהט און זאָגט די תלמידים און צו פטרוס, אז ער געהט פאר אייך קיין גליל, און דאָרט וועט איהר איהם זעהן. און זיי זיינען אַרויס פון קבר און אַנטלאָפען, וואָרים א ציטער און א שרעק האָט זיי אָנגענומען, און זיי האָבען ניט דערצעהלט פאר מענשען קיין וואָרט, וואָרום זיי האָבען שטארק מורא געהאט, ט"ז, 2—8).

אין דער ענדע פון מרקוס איז דאָ נאָך אן אנדער נוסח, וואָס לייקענט אָפּ מארקוס'ן אליין אויך. נאָר געגוג עדות פאלשע זיינען שוין פאראן אָהן איהם אויך.

מרקוס לייקענט אָפּ מתי'ן וועגען דעם מלאך, ווענען די ווייבער האָבען געזעהן אוועקקייקלען דעם שטיין, און וועלכער האָט גערעדט מיט זיי.

ער לייקענט אויך אָפּ מתי, לוקוס און יוחנן, אז זיי האָבען אלעס דערצעהלט צו זיינע תלמידים און צו נאָך אַנדערע:

ער דערמאָהנט אויך ניט, אז דאָרט האָבען זיי צוויי מענשען געזעהן וועמענס קליידער זיינען לויטער בליץ געוועזן, שטעהען פאר זיי. — אזוי ווי לוקוס דערצעהלט.

ער דערמאָהנט אויך ניט, אז זיי האָבען אין קבר געזעהן צוויי מלאכים איינגעוויקעלט אין ווייסען זיצען אויף דעם אָרט, וואו זיי האָבען ישו'ס קערפּער געלעגט — אזוי ווי יוחנן דערצעהלט:

ער דערמאָהנט אויך ניט, אז די ווייבער האָבען ישו'ן געזעהן און האָבען פאר די פיס אָנגענומען (מתי) אָדער, זיי האָבען געוואָלט איהם ארומנעהמען פאר זיינע פיס און ער האָט זיי ניט צוגעלאָזט —(יוחנן).

ער דערמאָהנט אויך ניט, אז פטרוס און דער אנדערער תלמיד זיינען אריין אין קבר (יוחנן) אָדער, פטרוס האָט זיך איינגעבויגען אריינצוקוקען אין קבר, (לוקוס).

## דער דריטער עדות איז לוקוס, ער דערצעהלט אזוי:

און אין דעם ערשטען טאָג פון דער וואָך, איידער דער מאָרגענ־שטערען האָט זיך בעוויעזען זיינען זיי צום קבר געקומען. און זיי האָבען דעם שטיין פון קבר אוועקגעקייקעלט געפונען, און צוויי מענשען, וועמענס קליידער זיינען לויטער בליץ געווען, שטעהען פאר זיי. און עס האָט זיי א שרעק פער־כאַפּט און זייערע פנימ'ער האָבען זיי צו דער ערד געבויגען, און זיי האָבען געזאָגט צו זיי: וואָרום זוכט איהר דעם לעבעדיגען צווישען די טויטע? זיי האָבען זיך פון קבר אומגעקעהרט און האָבען דערצעהלט צו די עלף און צו אלע אנדערע. פטרוס איז אויפגעשטאַנען און איז צום קבר געלאָפען און האָט זיך איינגעבויגען זעהן אינעווענינ. ער האָט גאָר ניט געזעהן. נאָך די תרהוכים (כ"ד, 1—12).

לוקוס לייקענט אויך אָפּ מתי'ן וועגען דעם מלאך, וואָס די ווייבער האָבען געזעהן אראָבקייקלען דעם שטיין און האָט מיט זיי גערעדט.

ער לייקענט אָפּ מרקוס'ען, וואָס זאָגט, אז זיי זיינען געקומען ווען די זונן איז אויפגעגאַנגען. ער לייקענט איהם אויך אָפּ, אז זיי האָבען קיינעם וועגען דעם ניט געזאָגט קיין וואָרט. אז זיי האָבען געזעהן אין קבר א יונג איינגעוויקעלט אין א ווייס העמדעל.

ער לייקענט אויך אָפּ יוחנן, וועלכער דערצעהלט, אז זי האָט געזעהן אין קבר צוויי מלאכים איינגעוויקעלט אין ווייסען, זיצען אויף דעם אָרט, וואו מען האָט ישו'ס קערפּער געלעגט און, אז אז דער אנדערער תלמיד איז אויך צום קבר געלאָפען, און זיינען איינער נאָך דעם אנדערען אריינגעקומען אין קבר.

ער לייקענט אויך אָפּ מתי'ן וועלכער דערצעהלט אז זיי האָבען ישו'ן געזעהן און האָבען איהם פאר זיינע פיס געהאַלטען, און אויך יוחנן, וועלכער דערצעהלט, אז ער האָט זיי פערוועהרט, זיי זאָלען איהם אנריהרען.

## דער פיערטער עדות איז יוחנן, ער דערצעהלט אזוי:

און עס איז אין דעם ערשטען טאָג פון דער וואָך געווען, און מרים פון מגדלה איז געקומען, אין דער פריה ווען עס איז נאָך פינסטער געווען, צום קבר, און האָט געזעהן ווי דער שטיין איז אוועקגעקייקעלט פון קבר. זי איז געלאָפען און איז געקומען צו שמעון פטרוס און צו דעם אנדערען תלמיד. פטרוס און דער אנדערער תלמיד זיינען ארויסגעגאַנגען און זיינען צו דעם קבר געלאָפען — פטרוס האָט אין קבר געניעדערט. נאָך איהם — דער אנ־דערער — און מרים איז געשטאַנען אויסער דעם קבר און געוויינט, און האָט זיך איינגעבויגען און האָט אין קבר אריינגעקוקט און האָט צוויי מלאכים

געזעהן אין ווייסען איינגעהילט זיצען אויף דעם אָרט, וואו מען האָט ישו׳ס קערפּער געלעגט, איינער צו קאָפּענס און איינער צו פוסיסענס, און האָבען צו איהר געזאָגט: פרוי! ווארום וויינסטו? — זי האָט זיך אומגעקעהרט און האָט דערזעהן ישו׳ן שטעהענדיג. ישו זאָגט צו איהר: מרים! — זי האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט און זאָגט איהם: הארר! — און ישו זאָגט איהר, ריהר מיך ניט אָן. און זי האָט צו די תלמידים געזאָגט, אז זי האָט דעם הארר געזעהן, (כ׳ 1—18).

יוחנן לייקענט, אַלזאָ, אָפּ מתי׳ן, וואָס דערצעהלט וועגען דעם מלאך וואָס די ווייבער האָבען געזעהן אוועקקייקלען דעם שטיין און האָבען גערעדט צו איהם.

ער לייקענט זיי אַלע אָפּ, וועלכע זאָגען, אז אויך אַן אנדער מרים איז געגאַנגען מיט איהר צום קבר.

ער דערמאָהנט גאָר ניט וועגען א יונג איינגעוויקעלט אין א ווייס העמדעל וואָס זיצט ביי דער רעכטער זייט (מר.).

ער דערמאָהנט אויך גאָר ניט וועגען די צוויי מענשען אין העלען בליץ געקליידעט, וועלכע שטעהען פאר זיי, (לוקוס).

ער לייקענט אָפּ מרקוס׳ען אַז זיי זיינען געקומען ווען די זוהן איז אויפגעגאַנגען.

ער לייקענט אָפּ מתי׳ן וואָס זאָגט, אַז די ווייבער האָבען איהם פאר די פיס געהאַלטען.

ער לייקענט זיי אַלע אָפּ, ווען ער זאָגט, אז מרים איז גאָר אין קבר ניט געוועזן.

ער לייקענט אָפּ מתי׳ן און מרקוס׳ען, וועלכע זאָגען, אַז פּטרוס איז אין קבר ניט געוועזן, און אויך לוקוס׳ען, וואָס זאָגט, אז ער האָט זיך נאָר איינגעבויגען זעהן.

דער פינפטער עדות — די שומרים. האָבען אזוי עדות געזאָגט:

דען זיינע תלמידים זיינען ביי נאַכט געקומען און האָבען איהם ארויסגע׳גנב׳ט, ווען זיי זיינען נאָך געשלאָפען — און די ידיעה האָט זיך פערשפּרייט צווישען די אידען ביז יעצטיגען טאָג, (מתי כ״ח, 13—15).

פּטרוס זאָגט אַליין אויך עדות:

גאָט האָט איהם דעם דריטען טאָג אויפגעלעבט און האָט איהם גע־לאָזט זיך אנטפּלעקען פאר די אויגען, וועלכע זעהן, ניט פאר אַלע אויגען, נאָר פאר די אויגען פון די עדות, וועלכע גאָט האָט פריהער אויסערוועהלט — מיר זיינען זיי. (אפ׳ געש׳ י׳ 41—40).

דאָ איז אַ מאָדנע סאָרט פּראָצעדור: ער אַליין איז דער בעל דין, ער אַליין איז איין עדות, ער אַליין איז דער ריכטער.

נאָך זיין טויט האָט ער, אַלזאָ, אזוי ווי ביי זיין לעבען, ניט געקענט קיין וואונדער בעווייזען, נאָר פאר די, וועלכע גלויבען אין איהם.

פאר ישו'ס לעבען האט פטרוס אליין געשוואָרען, אז ער קען גאָר ניט ישו'ן (מת' כ"ו 74), כאָטש ער האָט איהם גאנץ גוט געקענט, און נאָך זיין טויט, דערצעהלט ער, אז ער האָט איהם אַ לעבעדיגען געזעהען?

דער וואָס שווערט פאַלש איז ניט בעגלויבט עדות צו זאָגען.

מתי זאָגט ווייטער:

און אויף מאָרגען נאָך ערב־שבת האָבען זיך די כהנים און די פרושים צו פילאטוס'ען פערזאַמעלט און האָבען איהם געזאָגט: אונזער הארר! מיר געדענקען נאָך אין זיין לעבען האָט דער בעטריעגער געזאָגט: ענדע דריי טעג וועל איך אויפשטעהן — דאריבער גיב אַ בעפעהל צו היטען דעם קבר ביז דעם דריטען טאָג, טאָמער וועלען זיינע תלמידים קומען און איהם ארויס־גנב'נען, און דעם פאָלק וועלען זיי זאָגען, אז ער איז געוואָרען לעבעדיג. און דער לעצטער שווינדעל וועט זיין ערגער ווי דער ערשטער. — פילאַטוס האָט זיי געזאָגט: נעהמט אייך היטערס, געהט היט אזוי ווי איהר ווייסט — און זיי זיינען געגאַנגען און האָבען דעם קבר פערצאָמט און האָבען דעם שטיין פערזיעגעלט און האָבען ביי איהם שומרים געשטעלט. (כ"ז, 62—66).

עס איז אַ גרויסער וואונדער: וואָרים איז ישו ניט אַרויס פון קבר אזוי אז דער שטיין מיט דעם זיעגעל זאָל גאנץ בלייבען, אויף דעם אופן ווי יוחנן דערצעהלט, אז ער האָט זיך בעוויעזען אין הויז כאָטש די טהירען זיי־נען געווען פערשלאָסען, כ' 19—26; אַפּאָס. געשיכ. ה' 23). נאָך וואָס איז געווען נויטיג אָראָבקייקלען דעם שטיין פון קבר, און געבען אַ פתחון פה צו צווייפלער, אז דאָ איז בעגאַנגען געוואָרען אַ שווינדעל? ובפרט לויט די מבשרים מרקוס, לוקס און יוחנן, וועלכע האָבען באמת קיין מלאך אוועק־קייקלען דעם שטיין ניט געזעהען?

פולוס אין זיין בריעף צו די קאָרינטים, וואָס רעכענט אויס אַלע, וועלכע האָבען איהם נאָך זיין טויט געזעהן, דערמאָהנט ער גאָר ניט די ווייבער! דאָס ווייזט נאָכאַמאָהל, אז ער האָט פון קיין שום עוואנגעליסטען ניט געוואוסט. דערפאַר אָבער ברענגט ער אַ בעווייז, אז ישו איז יאָ לעבעדיג געוואָרען, וואָרום אויב דער משיח איז ניט אויפגעשטאַנען, האָט קיין ווערטה ניט אונזער פרעדיגען, און אייער אמונה איז אומזיסט. דאָס קומט נאָך אויס אז מיר זיינען פאַלשע עדות אויף גאָט, איז אָבער דער משיח ניט אויפגע־שטאַנען, אזוי איז אייער אמונה גאָר ניט, (א' ט"ו 5, 6, 14, 15, 17).

ווי געפעהלט אייך זיין שטאַרקע ראיה, וואָס ער ברענגט? נאָך זיין מיינונג קומט אויס, אזוי ווי די אמונה איז יאָ עפּעס ווערטה איז משיח יאָ אויפגעשטאַנען. דאָס איז דאָך אָבער דער עצם השאלה. מיר זאָגען אזוי ווי ער איז ניט אויפגעשטאַנען, האָט דארום זיין אמונה קיין ממש.

אָט דאָ זיינען די אַלע עדות, וואָס זאָגען, אז ישו איז נאָך זיין טויט יאָ אויפגעשטאַנען.

ווען נאָר אויף אַ געוועהנליכע פּאַסירונג וואָלטען זיי עדות געזאָגט,

קאן נאר א חסר־דעת עס גלויבען, א פשיטה ווען זיי זאגען, אז א טויטער איז אויף דעם דריטען טאג נאך זיין טויט אויפגעשטאנען — ניט אומזיסט האט ישו אליין געזאגט, אז קלוגע און פערשטענדיגע גלויבען ניט אין איהם, מיט רעכט האבען אונזערע עלטערען ניט געוואלט גלויבען אין איהם.

## וועגען דעם פינפטען יסוד.

ישו האט פערשפראכען אז ער וועט זיך נאכאמאהל ענטפלעקען נאך ביי דעם לעבען פון זיינע תלמידים. אין אונזערע צייטען, ווען נאהענט צו צוויי טויזענד יאהר זיינען שוין אריבער, און ער איז נאך אלץ ניט געקומען, איז דאך גאר ניט דא וואס צו רעדען.

פטרוס האט נאך אין זיין צייט די פראגע געוואלט פערענטפערען. ער שרייבט אין זיין בריעף: נאר פריהער זאלט איהר וויסען, אז אין די לעצטע טעג וועלען קומען אפלאכער, וועלכע געהען נאך זייער תאוה און מיט שפאט וועלען זיי אייך פרעגען: וואו איז זיין הבטחה וועגען זיין קומען? איהר זאלט פריינדע אבער ניט פערגעסען, אז ביי גאט איז איין טאג — טויזענד יאהר — און טויזענד יאהר — איין טאג, גאט פערזאמט ניט זייןווארט מקיים צו זיין, געגען די וואס מיינען, אז די צייט האט זיך שוין פערשפעטיגט (כ', ג', 3—9).

ער וויל דא פערענטפערען, אז מיט דעם טאג, וועגען וועלכען ישו האט גערעדט, אז ער וועט ניט פארגעהן, ביז ער וועט נאך אמאהל קומען — האט ער געמיינט טויזענד יאהר, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „וואָרום טויזענד יאהר זיינען אין דיינע אויגען ווי א נעכטיגער טאג" (תהלים צ' 4), וואלט ישו ניט געוועהן געזאגט. ווארום דער דור וועט ניט דורכגעהן ביז וואנען אלעס וועט ערפילט ווערען, אויף וואהרהייט זאג איך אייך, אז צווישען די, וועלכע שטעהען פאר מיר זיינען פאראן אזעלכע, וואס וועלען קיין טויט ניט וויסען ביז וואנען זיי וועלען דעם מענשען־זוהן זעהען קומען אין זיין מלוכה. — דא־מאלט וואלט פטרוס'עס ענטפער געקענט פערבלענדען די קורצזיכטיגע, נאך די אויבענדערמאהנטע ווערטער האט אבער זיין ענטפער קיין שום זינן.

אבער דאס אלץ איז נאר גערעדט וועגען פטרוס'עס צייטען. אין אונזערע צייטען, ווען עס איז שוין באלד צוויי גאט'ס טעג אריבער: צוויי טויזענד יאהר און ער איז נאך אלץ ניט געקומען — האבען דאך די אידען א אודאי א רעכט ווען זיי ווילען אין איהם ניט גלויבען.

מען הייסט אונז האפען, האפען בעדארף מען, אבער די אידען ניט היי־סען. זיי האפען אליין אויך אויף משיח'ן וועגען וועלכען די נביאים האבען גערעדט.

עס איז אויך קיין תירוץ ניט, אז ישו האט גאר געמיינט, אז ער וועט נור דעם דריטען טאג אויפשטעהן פון קבר און זיך ווייזען פאר די תלמידים און מעהר ניט, ווארים פטרוס זעלבסט, וועלכער האט עדות געזאגט, אז ישו איז

אויף דעם דריטען טאָג אויפגעשטאַנען האָט זיך דאָך פערענטפערט, אז ישו האָט געמיינט: אין טויזענד יאָהר ארום. און האָט ניט געענטפערט. אז ישו האָט עס ניט פערשפּראָכען.

פּטרוס האָט, בכן, געגלויבט, אז ער וועט קומען אין טויזענד יאָהר ארום. די טויזענד יאָהר זיינען אוועק, עס זיינען שוין באַלד פּאַראיבער נאָך טויזענד יאָהר און מען זעהט ניט און מען הערט ניט.

מיט רעכט ווילען די אידען אין איהם ניט גלויבען.

---

## וועגען דעם זעקסטען יסוד.

ישו האָט געהייסען זיינע תלמידים פערלאָזען די עלטערען, פיינד האָבען די עלטערען און געהן מיט איהם, מיט דעם האָט ער גאָר די אידישע תורה פערשטערט, וועלכע לערנט: און דו זאָלסט דיין חבר ליעבען ווי זיך; און איהר זאָלט ליעבען דעם פרעמדען, און זאָלסט איהם ליעבען אזוי ווי זיך; ווער שמועס'ט אייגענע עלטערען, איז דער מענש מחויב זיי צו אכטען און עהרען: דאָס איז איינע פון די עשרת הדברות. (ויקרא י"ט 18, 34; דברים י' 19, ה' 16).

ישו הייסט אָבער זיינע תלמידים פערלאָזען און פיינט האָבען די עלטערען. איז א וואונדער וואָס די געלערנטע אידען האָבען אין איהם ניט געגלויבט?

---

## וועגען דעם זיעבטען יסוד.

די תורה, די סופרים און די פּרושים האָבען געלערנט: אז אויך א היידע, אויב ער איז נאָר מקיים די מצוה, וואָס דיר איז פיינדליך זאָלסטו דיין חבר ניט טהאָן, איז ער שוין פון די חסידים, איז ער גענגליכענט צו דעם כהן גדול, האָט ער א חלק אין עולם הבא, (ויקרא י"ט 34, כ"ה 35; דברים י' 19; סנהד' נ"ט, צ'; ע"ז ג'). ישו זאָגט אָבער, אז אפילו א איד, וועלכער היט אָפּ אלע מצוות פון דער תורה, פון זיין יוגענד אָן, אויב נאָר ער געהט איהם ניט נאָך, האָט ער קיין חלק עולם הבא, דערפאַר האָבען די פּרושים און אלע געלעהרטע אידען אין איהם ניט געגלויבט.

---

## וועגען זיין אַכטען יסוד.

א שרעקליכע מורא נעהמט אָן יעדען, וועלכער האָט מענשען-געפיהל, הערענדיג דעם יסוד פון זיין גלויבען, די גיפטיגע ווערטער. דעם שרעקליכען געבאָט וואָס האָט געגעבען דער, וועלכער רופט זיך גאָט. ווען מיר זאָלען אלע שלעכטע געבאָטען פון אלע אָפּגעטער צוזאמען שטעלען, זיינען זיי ניט אזוי שעדליך, ווי דער איינער געבאָט. מיר זעהן, וואָס דיעזער געבאָט האָט אויף דער וועלט געשאפען, בלוט, פייער, אינקוויזיציע, אייבינגען האָס. אלע

אזוי ווי ער אליין האט געזאגט: איך בין געקומען ברענגען א שווערד אויף דער וועלט. באלד צוויי טויזענד יאהר אז די שווערד און פייער שאלטען און וואלטען און רואינירען דאס לעבען און דאס גליק פון טויזענדער. מיר קענען פאראויס זאגען: ביז זיין גלויבען וועט ניט אונטערגעהן וועט אויף דער וועלט קיין שלום ניט זיין...

דוד מלך ישראל! ווער וואלט פון דיינע אויגען די שערבעלאך אראפ־גענומען! וואלסטו געזעהען, אז אומזיסט האסטו די געצען געשענדעט: זיי האבען א מויל און קענען ניט רעדען, דאס איז גאר א מעלה: ווען דער אבגאט פון נצרת האט יא גערעדט איז נאך פיעל ערגער. רעכט האט יוסף אליין גע־זאגט, אז ער אלס איד האט גאר מיט זיין מוטער ניט געהאט קיין פערהעל־טעניס, ווייל נור פון ווילדע היידען האט אזעלכער געקענט געבוירען ווערען (מתי א׳, 18). די אידען האבען רעכט, וואס זיי האבען אין איהם ניט גע־גלויבט.

---

## וועגען דעם נייגטען יסוד.

ישו ערקלעהרט די פרושים, אז ער אז ניט געקומען מבטל זיין תורת משה, די פרושים האבען אבער געזעהן, פון זיינע מעשים פונקט פערקעהרט, אז יעדען מאל פערשטערט ער תורת משה און אויך תורת הפרושים. זיי האבען געזעהען, אז נאך זיינע האנדלונגען מעג מען אויף איהם מיט רעכט ממליץ זיין דעם פסוק, וועלכען ער האט בענוצט אויף די פרושים „כבדוני בשפתיו ולבו רחק ממני" — מיט זייערע ליפען עהרען זיי מיך, אבער זייער הארץ איז ווייט פון מיר. — דאס אלץ איז ער נאר מבטיח, כדי צו פערנארען די קורצזיכטיגע אין זיין נעץ. נאכהער וועלען זיי שוין פאר שאנדע מוזען איהם נאכגעהן. ער האט נאך דעם געזאגט — די מאכט פון תנ"ך איז נאר ביז יוחנן, נאכהער קומט די בשורה פאר (לוקום ט"ז, 16). נאך איהם האבען אסטופנוס און פולוס עפענטליך פערשטערט די תורת משה (אפ. געשיכטע ו׳ 14; רומ׳ ז׳—ח׳). ווי מיר זעהען, האבען אלע גלויבערס זיינע פערשטעהרט גאנץ תורת משה, זיינע גייסטליכע אין אלע צייטען האבען פיעל טויזענדער אידען אויף דעם פייער געברענט אין ישו'ס נאמען, נאר דערפאר, ווייל זיי האבען פערבארגענערהייד אפגעהיט תורת־משה.

אין אונזערע צייטען זעהן מיר קלאהר, אז דארט ווי די פעלקער זיינען ווייניג קולטיווירט און זייער גלויבען אין נוצרי איז נאך שטארק, אזוי ווי, למשל, אין רוסלאנד און רומעניען, ווערען די אידען געיאגט און מיט אלע שוידערהאפטיגע ענויים און פרעניות בעשטראפט, ניט פאר קיין אנדער פערברעכען ווי פאר דעם, וואס זיי האלטען אין תורת משה.

**די אידען האבען, אלזא, געהאט רעכט, וואס זיי האבען אין איהם ניט געגלויבט.**

## וועגען דעם צעהנטען יסוד.

ישו שטעהט פאר דעם גלויבען אין איין גאָט און פאר דער ליעבע פון דעם חבר.

די פּרושים האָבען דאָס שוין לאַנג פאר איהם געלערענט, אזוי ווי מיר זעהן אין עוואַנגעליום אליין (לוקוס י׳ 25—28).

אויסער דעם האָבען די רייד אין ישו׳ס מויל געקלונגען גאַנץ פאַלש, דען ער האָט אליין ביידע געבאָטען עפענטליך איבערטראָטען. די ערשטע מצוה האָט ער פערשטערט, ווייל ער זאָגט, אז ער איז אליין אויך גאָט. ממילא איז שוין פאראַן צוויי געטער. ניט איין גאָט צוליעב וואָס די סנהדרין האָבען איהם ערקלעהרט פאר א מסית. וועגען דער צווייטער מצוה איז א גרויסער אונטערשיעד, ווי די פּרושים פערשטעהען עס און ישו פערשטעהט עס. ישו׳ס ליעבע צום מיט־מענשען, מיינט אייגענטליך נאָר ליעבע צו די, וואס גליובען אין איהם, ווי מיר זעהען עס דייטליך אין פיעלע פּלעצער פון יעוואַנגעליום.

א.—ער אליין הט פאר דעם פרוש געליובט דעם שומרוני, וואָס האָט אויף א קראַנקען זיך דערבאַרעמט און האָט איהם געהיילט, און געשענדעט די, וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם קראַנקען און איהם ניט געהאָלפען (לוק. י׳ 29—37).

א.—דאָך, ווען די כנענית פון צידון האָט געשריען צו איהם: ערבאַרעם דיך איבער מיר, מיין האַר, מיין טאָכטער ווערט פון א שד זעהר געפּלאָגט, — האָט ער איהר קיין וואָרט געענטפערט. זיינע תלמידים בעטען פאר איהר: פערטיג זי אָב, דען זי שרייט אונז נאָך,ער ענטפערט זיי: איך בין נאָר צו אידען געשיקט געוואָרען. די אונגליקליכע מוטער בוקט זיך פאר איהם און שרייט: הערר! העלף מיר. — ער ענטפערט אָבער אויף איהרע תחנונים זעהר א גיפטיגען ענטפער: עס איז ניט גוט צו נעהמען דאָס ברויט פון די קינדער און פאר די הונד צו וואַרפען. — נאָר ערשט ווען ער האָט איהר פעסטען גלויבען אין איהם געזעהן, האָט ער זי געהיילט (מתי ט״ו, 22—28).

ב.—ער אליין האָט זיינע תלמידים געהייסען: „איך פאר אייערע פיינד זאָלט איהר גאָט בעטען״ (מת׳ ה׳ 44).

ב.—ער אליין זאָגט: „ניט פאר די וועלט בעט איך דיך, נאָר פאר די, וועלכע דו האָסט מיר געגעבען״ (יוחנן י״ז 9).

ג.—ער הייסט זיינע תלמידים: „ליעבט אייערע פיינד״ (מת׳ ה׳ 44).

ג.—ער הייסט זיי: „איהר זאָלט פיינד האָבען אייערע עלטערען, ברידער און קינדער״ (יסוד ו׳).

ד.—ער פערזאָגט זיי: „ווער עס רופט זיין חבר פוסטע קאָפּ, אָדער נבל, וועט אין גיהנם בעשטראָפט ווערען״ (מת׳ ה׳ 22).

ד.—ער אליין רופט אַן די סופרים און די פרושים: „א שלעכטער

דור, א דערצאָרענטער". — אַלע פעלקער רופט ער הינט און חזרים (מתי, ז' 6; י"ב 39; ט"ו 22—27).

ה.—ער אַליין פערזאָגט: ווער עס וועט דיך שלאָגען אין דער רעכ־טער באַק, שטעל איהם אונטער די לינקע (מת' ה' 39).

ה.—אַז דער שוטר האָט איהם אַ פּאַטש געטהאָן, ווייל ער האָט די סנהדרין מעיז פנים געווען, האָט ער זיין צווייטען באַק ניט ארויסגעשטעלט נאָר ער האָט איהם פאָרגעהאַלטען: וואָרום שלאָגט ער מיך (יוחנן י"ח, 22-23)

ו.—ער אַליין זאָגט, און אויב איינער וועט פון דיר צונעהמען דיין ראָק, גיעב איהם אויך דיין העמד. (מת' ה' 40).

ז.—ער אַליין לויבט דעם הויז־האַלטער, וואָס האָט זיין האַרר בעטראָ־גען, און צו זיינע תלמידים האָט ער געזאָגט: „קויפט זיך פריינד דורך אומריינע געלטען, כדי ווען איהר וועט פעראָרעמט ווערען וועלען זיי אייך אין הימעל־רייך אַריינגעהמען (לוק. ט"ז 1—10).

פון די אַלע אָנווייזונגען, וועלכע מיר האָבען דאָ געבראַכט, זעהן מיר קלאָהר, אַז אַלע זיינע גוטע און שעהנע רייד האָט ער נאָר וועגען זיינע גלויבערס געזאָגט — ניט אַזוי די, וועלכע גלויבען אין איהם ניט, די וועלען האָבען אויף זיך נאָר שטראָף און אונגליק, ווי עס איז אויסגערעכענט געוואָרען אין דעם דרייצעהנטען יסוד.

פּולוס זאָגט עס ארויס אין זיין בריעף קלאָהר: „בייגט זיך ניט אונטער אַ פרעמדען יאָך: מיט די אונגלויביגע; דען, וואָס פאַר אַ טהייל קען האָבען צו זאָגען גערעכטיגקייט מיט אונרעכט? ווי קאָן ליכט מיט פינסטערניש מאַכען חברותא? ווי קאָן דער משיח שטימען מיט דעם בליעל? אָדער וואָס פאַר אַ חלק קאָן דער גלויבער מיט דעם אונגלויביגען האָבען — דאריבער געהט אַרויס פון זיי און שיידט אייך אָפּ פון זיי" (ב' קאָרינטער ו' 14—17).

דאָס זעלבע האָט אין אונזער צייט, דער סינאָד פון פּעטערסבורג גע־ענטפערט צו גראַף טאָלסטאָי'ס ווייב אויף איהר פראַגע: „וואָרום האָבען זיי טאָלסטאָי'ן אין חרם געלעגט?" — די קריסטען־ליעבשאַפט איז נאָר אויף די גלויבערס אַליין חל; אָבער ניט אויף די אונגלויבערס.

די תורה און די פּרושים אָבער האָבען בנוגע דער חבר־ליעבע ניט גע־מאַכט קיין שום אונטערשיעד צו אַ מאמין אָדער ניט קיין מאמין, יעדער איינער וואָס היט נאָר אָפּ דעם פּרינציפּ: „דעלך סני", טהו ניט יענעם דאָס, וואָס דו וואָלסט ניט וועלען, אַז אנדערע זאָלען דיר טהאָן, איז ער שוין אַ חסיד, און האָט עולם הבא. (שבת ל"א).

די פּרושים האָבען רעכט געהאַט, וואָס זיי האָבען אין איהם ניט גע־גלויבט.

---

## וועגען זיין עלעפטען יסוד.

ישו פאָדערט מדת הרחמים, גרויסמוטה און איז געגען דער שטרענג־קייט פון דין.

פאר די אידען האט ער מיט די רייד קיין שום נייעס ניט אויפגעטהאן. זיי האבען פון די פרושים שוין לאנג נאך פיעל מעהר געהערט. די תורה אליין האט דייטליך געזאגט: „און דו זאלסט טהאן וואס עס איז ישר'דיג און וואס עס איז גוט אין גאט'ס אויגען". — ניט שטרענג פינקטליך ווי דער דין איז נאר דו זאלסט אין זיינע גאט'ס וועגען געהן, וועלכע זיינען: „ער איז א רחום. א חנון, זיין צארן פערלענגערט ער, פיעל גענאד און אמת". אזוי ווי גאט בעגעהט זיך, אזוי מוזט דו זיך אויך בעגעהן. נאר פאר דעם איז חרוב געווארען ירושלים ווייל די אידען האבען זיך געפיהרט נאר נאך די דינים פון דער תורה, און האבען זיך ניט געפיהרט מיט יושר. (דברים ו' 18, י' 12, י"א 22, י"ג 19, כ"א 9; בבא מציעא נ"ח).

דער אונטערשיעד פון די פרושים ביז ישו'ן איז דער, וואס ישו האט שטענדיג פערלייקענט דעם קוואל, פון וואנען זיינע רייד פליסען. אפטמאהל האט ער אויך אהין א שטיין געווארפען. ער האט אלעס, וואס ער האט געזאגט, ארויסגעשטעלט פאר אייגענס; די פרושים אבער האבען ביי יעדער זאך אנגעוויעזען דעם מקור פון וואנען זיי האבען די רייד געשעפט. דער תנ"ך איז געווען דער מקור.

יעצט איז שוין פערשטענדליך ישו'ס לויב צו גאט, וואס ער האט פערהוילען אלעס פון די קלוגע און האט דאס ענטפלעקט פאר די קינדער — מחמת נאר די, וואס האבען פון תנ"ך גאר ניט געוואוסט, האבען זיך געקענט נארען אין איהם; אבער די וואס האבען תנ"ך געקענט, האבען יעדעס מאהל זיין פאלשקייט געזעהן, ער האט זיי ניט געקאנט פארפיהרען.

אויך זיינע רייד וועלכע ער האט אויף דעם בארג געלערענט, מיט וואס די קריסטען ריהמען זיך, זיינען פאלש, פון יעדען איינציגען ווארט שפראצט ארוים גאוה, פאלשקייט, און ניט וויניגער דומהייט.

איהר האט געהערט, זאגט ער, דאס צו די פריהערדיגע איז פארזאגט געווארען, דו זאלסט ניט מארדען, און דער וואס מארדעט מוז בעשטראפט ווערען — איך אבער זאג אייך, דער וואס צארנט אויף זיין ברודער אומזיסט מוז בעשטראפט ווערען, און ווער עס רופט זיין חבר „ריקא" מוז פאר די סנהדרין געשטעלט ווערען, און אויב ער רופט איהם „נבל" פאלט ער אריין אין פייער פון גהינם. (מתי ה, 21—22).

אין די אויגען פון די תלמידים, וועלכע האבען ניט געקענט די תורה, הערענדיג פון איהם די דאזיגע רייד, איז תורת משה שטארק געפאלען. זיי האבען געמוזט רעכענען, אז די תורה האט נור פערבאטען רציחה, אבער איז ניט געגען שלעכטע בעהאנדלונגען און בעליידיגונגען פון חבר. זיי האבען פיעל העכער פון ישו'ס לעהרען געהאלטען. וואס אבער האבען אויף די רייד געזאגט די פרושים און אלע וואס וויסען די תורה?

מיר וועלען ברייננען אייניגע ערטער פון דער תורה און תלמוד צו בעווייזען, אויף וויפיעל זיי זיינען העכער פון איהם.

א.—די סופרים און פרושים האבען אין דער תורה געלערענט, ווער עס דערצארענט זיין חבר (ניט נור אומזיסט, אזוי ווי ישו זאגט*), אויב ער איז איין חכם פערליערט ער די חכמה, ווי משה, בשעת ער האט געצארענט אויף די „שטרייט־הערשער“, האט ער פערגעסען זיין לערנען, די דינים פון כלים כשר'ן; אז ער איז א נביא פערליערט ער די נבואה: — אלישה הנביא האט געצארנט אויף יהושפט המלך, האט ער פערלוירען זיין נבואה; ווען פון הימעל איז איהם גדולה געגעבען פארליערט ער די גרולה: אליאב, דער בכור פון ישי האט די מלוכה פערלוירען ווייל ער האט אויף דוד'ן געצארנט (פסחים ס"ו).

ב.—„דו זאלסט קיין ריכטער ניט שילטען און ניט פלוכען קיין הארר פון דיין פאלק“ (שמות כ"ב 27).

ג.—„דו זאלסט ניט שילטען קיין טויבען“ (ויקרא י"ט, 14) דרשנ'ען די חז"ל: די תורה האט פערזאגט ניט צו שעלטען דעם גרעסטען און דעם קלענסטען, דעם הארר און דעם טויבען, ללמדך, צו לערנען, אז קיין שום מענשען טאר מען ניט שעלטען, ווען אפילו ער אליין הערט גאר ניט די קללות (סנהדרין ס"ו).

עס איז אויך פערבאטען צו רעדען לשון הרע אפילו אויף היידען (מ"ר דברים ו').

ד.—דו זאלסט ניט פיינט האבען אין הארץ דיין ברודער (ויקרא י"ט 17).

ה.—דו זאלסט זיך ניט נוקם זיין און זאלסט ניט טראגען קיין האס אויף דיין פאלק'ס קינדער (ויקרא י"ט 18).

ו.—דו זאלסט קיין רכלות ניט פארפיהרען אין דיין פאלק (ויקרא י"ט 16).

ז.—דו זאלסט דיין חבר ליעבען אזוי ווי זיך (ויקרא י"ט 18).

ח.— דו זאלסט איהם (דעם פרעמדען) ליעבען ווי זיך אליין (ויקרא י"ט 34).

ט.—איהר זאלט ליעבען דעם פרעמדען (דברים י' י"ט).

י.—און איהר זאלט איינעם דעם אנדערען ניט נארען (ויקרא כ"ה 14).

י"א.— און איהר זאלט איינם דעם אנדערען ניט נארען, און זאלסט זיך פאר גאט פארכטען. (ויקרא כ"ה, 17).

די חכמים האבען געלערענט: דער ערשטער פסוק רעדט וועגען געלד־זאכען, דער צווייטער — וועגען אפנארען איהם אפילו מיט רייד. זאלסט ניט טראכטען: ווער ווייסט דיינע שלעכטע גערדאנקען? — האב פורכט פאר גאט. ער ווייס אלעם (ב"מ נ"ח).

---

*) ישו אליין האט שטענדיג נאר מיט צארן גערעדט אפילו צו זיינע אייגענע תלמידים (מתי ז' 6; י"ב38—42; מר. ט' 19, 29, י"א 12 14; מת' כ"ג 16—38), דערפאר האט ער אומזיסט געזאגט.

דער וואס דערצארענט דעם מיט־מענשען מיט רייד, מוז ער איהם איבערבעטען, אזוי ווי שלמה המלך זאגט: מיין זוהן, אויב דו האסט געגען איהם זיך מיט א ווארט געשטרויכעלט, בעט איהם איבער (יומא פ"ז).

י"ב.—דער וואס פערשעהמט זיין חבר פאר מענשען איז גלייך ווי ער פערגיעסט זיין בלוט, ער פערליערט עולם הבא (ב"מ נ"ח).

י"ג.—בעסער זיך אריינווארפען אין פייער, איידער פערשעהמען דעם חבר פאר מענשען (ב"מ נ"ח).

מיר הערען ווייטער ישו'ן זאגען:

איהר האט געהערט וואס עס איז געזאגט געווארען צו די פריהער־דיגע: און דיין פיינד זאלסטו פיינד האבען. (מת' ה' 43).

ישו האט דא בעוויעזען, ווער ער איז און ווי פאלש עס זיינען זיינע רייד. אויך דא זעהן מיר דאס עם הארצות פון זיינע תלמידים און אויך, אז ער איז איבערצייגט אין זייער גראבקייט. כדי צו פערהאסען אין זייערע אויגען תורת משה ברענגט ער אין איהר נאמען רייד, וועלכע זיינען אין דער תורה גאר ניט פאראן. אין דער תורה שטעהט ניט: און דיינע פיינד זאלסטו פיינד האבען, מיר האבען שוין פיעל מאהל געבראכט, אז די תורה האט אונז געהייסען, אלע מענשען ליעבען, די תורה האט געהייסען צו העלפען דעם פיינד ווען זיין אייזעל אדער אקס איז געפאלען, פריהער פאר דעם פריינד'ס (שמות כ"ג 4—5) אויב דיין פיינד הונגערט, גיב איהם ברויט עסען; אויב ער דורשט, גיב איהם וואסער טרינקען (משלי כ"ה 21). רעכט האט שלמה וועגען איהם געזאגט: „ער אטהעמט ליגענס, א פאלשער צונג און צווישען ברידער פערשאפט ער קריעג" (ו' 19).

ישו אליין אבער, ווי מיר האבען שוין פריהער געבראכט, האט ניט נאר זיינע פיינד געהייסען פיינד האבען, נאר אפילו זיינע עלטערען, ברידער, שוועסטער און קינדער. נאר פאר די וואס גלויבען אין איהם האט ער צוגע־זאגט כל טוב; אבער ניט פאר קיין אנדערע.

מיר ליינען ווייטער:

עס איז אייך פארזאגט געווארען, ווער עס פארלאזט זיין ווייב זאל איהר א גט געבען, איך אבער זאג אייך, אז ווער עס פערלאזט זיין ווייב, אויסער פאר זנות, מאכט ער זי פאר א נואפת; ווער עס האט מיט א גרושה חתונה איז א נואף (מת' ה' 31—33).

זיינע רעד אין דעם פלאץ זיינען גאר ניט פערשטענדליך: די תורה אליין זאגט דא אויף דעם ארט, „אויב ער וועט געפינען אין איהר אן ערות דבר?" (דברים כ"ד, 1).

באמת, האבען די חכמים ערקלעהרט, אז מען מעג זיך גט'ען אויך צו־ליעב אנדערע סבות. לויט דער תורה אבער, מוז ער זי גט'ן נאר צוליעב ערוה. זאל ער רעדען געגען די פרושים וואס וויל ער אבער פון דער תורה?

עס איז איבעריג איצט צו פערענטפערען די חכמים וועגען דער גט־

פראַגע; אַלע ציוויליזירטע פעלקער האָבען שוין היינט אנערקענט, אז די פּרושים האָבען רעכט, וועז זיי ערקלעהרען, אַז מען מעג זיך גט'ן אויך איבער אנדערע סבות, אויך ווען נאָר זייער ביידענס ווילען איז דערביי. ישו'ס מוטער, ווי ער אַליין האָט ערקלעהרט האָט איהם פון גאָט געבוירען און נאָכהער האָט זי געהאט קינדער מיט איהר מאַן. זיינען זיי דען נואפים געווען?

די טענה וואָס ישו זאָגט: דאָס וואָס גאָט האָט פעראייניגט קאָן קיין מענש ניט צושיידען (מת' י"ט 6), איז ניט ריכטיג — די אברים פון קערפּער זיינען נאָך מעהר בעהעפטעט, ווען איינער פון זיי ווערט, למשל, פערגיפטעט, שניידט מען איהם אָפּ אום עס זאָל דעם מענשען קיינע אייביגע שמערצען ניט פערשאַפען. ווען אַ פּאָר פאָלק לעבט ניט בשלום, גט'ען זיי זיך, בעפרייען זיי זיך ביידע פון אייביגע שמערצען, וועהרענד יעדער פון זיי קאָן זיך זיין גלייכען געפונען און לעבען גליקליך.

אויב מיר זיינען געגען אויפפיהר פון די ווילדע פעלקער, וועלכע בעגראָבען די לעבעדיגע פרוי אין איינעם מיט דעם טויטען מאַן, וואָס איהרע שמערצען זיינען ניט מעהר ווי אייניגע שטונדען; דאַרף מען נאָך מעהר זיין געגען ישו'ס מיינונג וועגען גט, לויט וועלכער, מאַן און פרוי וואָס האַסען זיך מוזען דאָך ליידען אייביגע שמערצען אָדער נעהמען זיך אַליין דעם טויט כדי צו בעפרייען זיך פון די ליידען. טאָג־טעגליך זעהן מיר צו וואָס זיין פערבאָט וועגען גט'ן ברייננט: צו ניאוף, רציחה, זעלבסט־מאָרד און דאָס גלייכען.

איהר האָט ווייטער געהערט, זאָגט ישו:

דו זאָלסט פאַר דיין גאָט פאַלש ניט שווערען און דו זאָלסט דיינע שבועות מקיים זיין. איך אָבער זאָג אייך: איהר זאָלט גאָר ניט שווערען — און זאָל אייער וואָרט זיין: יאָ — יאָ; ניין — ניין (מתי ה' 33, 37).

דו זאָלסט ניט טראַכטען, זאָגט דער מדרש, אז גאָט באגערט דיין שבועה; ניין, גאָט פערלאַנגט ניט דיין שבועה, סיידען ווען דו האָסט אין זיך די מדות, וואס די תורה רעכענט: „את ה" תירא" — דו זאלסט פאר גאָט, דיין הארר, זיך פארכטען, אזוי ווי אברהם, יוסף און איוב — „ואותו תעבד" — און דיין גאנצע ארבייט איז נאָר צו בעדיענען איהם, — „ובו תדבק" — און זאָלסט זיך אָן איהם באהעפטען — זאָלסט זיך פיהרען נאָך זיינע מדות, וועלכע זיינען רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת. ווען דו ביזט אזוי, דאַמאָלסט — „ובשמו תשבע", קאנסטו אין זיין נאָמען שווערען, — אזוי ווי דוד המלך האָט געזאָגט: „נשבעתי ואקימה לשמר משפטי צדקך" — איך שווער און בין מקיים אפהיטען דיינע ריכטיגע פערבאָטען, אזוי ווי יוסף און בעז און פלטי האָבען זיך בעשוואָרען געגען דעם „יצר הרע", — פיעל שטעדט זיינען אויף „הר המלך" חרב געוואָרען פאר זייערע שבועות, אָבוואהל זיי האָבען מקיים געווען" (מדרש רבה מטות, נדרים ח'). ניט נאָר געגען שבועות, נאָר אויך געגען נדרים, וועלכע ישו האָט דאגעגען זיי זיין מיינונג

ניט אויסגעשפּראָכען, האָבען אויך די תורה און אונזערע חכמים פיעל מאָהל פערבאָטען, מען זאָל זיך פון זיי דערוויטערען.

די תורה האָט קלאָהר געזאָגט: „און דו וועסט זיך היטען פון מנדר צו זיין וועט קיין זינד אויף דיר ניט זיין“. שלמה המלך זאָגט: „בעסער דו זאָלסט ניט מנדר זיין, איידער דו זאָלסט מנדר זיין און ניט בעצאָהלען“. די חכמים האָבען פון די פסוקים געלערנט, אַז בעסער פון אַלץ אי אַז דו זאָלסט גאָר ניט מנדר זיין.

יעדער וואָס איז מנדר, איז גלייך ווי ער בויעט אַ במה אין דער צייט וואָס עס איז פערבאָטען, יעדער וואָס איז דעם נדר מקיים, איז גלייך ווי ער איז אויף איהר מקריב אַקרבן. רבי שמעון בן שטח האָט קיינמאָהל ניט געוואָלט עסען קיין קרבן נזיר.

יעדער וואָס איז מנדר ווערט גערופען אַ זינדיגער. יעדער וואָס האָט אַ נדר געטהאָן מוז בעטען אַ חכם ער זאָל איהם מתיר נדר זיין.

יעדער, וואָס מנדר איז ווערט דערשטאָכען צו ווערען מיט אַ שווערד. דער צונג פון חכמים היילט: ער איז מתיר.

ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, איז פאַר די עלטערען געווען אַ גרויסע שאַנדע ווען זייערע קינדער האָבען געטהאָן אַ נדר. (נדרים ס"ב א„ ס"ד א', ס"ה ב', צא. חולין ב', עירובין מ"ד, מד' רבא מטות).

פון דעם אַלעם וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, זעהן מיר קלאָהר, אַז די תורה, שלמה און די חכמים, וואָס זיינען געווען פיעל יאָהרען פאַר ישו'ן, האָבען דייטליך זיך אויסגעשפּראָכען געגען נדרים און שבועות, ישו אָבער האָט זיך אויך דאָ בענוצט מיט דער אונוויסענהייט פון זיינע תלמידים, און האָט, ווי שטענדיג, אומויסט די תורה געלעסטערט פאַר זיי.

די חכמים האָבען געלערנט, אַז איינער האָט געזאָגט צוויי מאָהל „ניין“ אָדער צוויי מאָהל „יאָ“, איז אויך אַ שבועה, דען דער נביא זאָגט: „דאָס איז מיר אַזוי ווי נח'ס מבול, וואָס איך האָב געשוואָרען“. מיר געפונען אָבער ניט אַז גאָט זאָל האָבען דעם „מבול“ געשוואָרען, ער האָט נאָר בלויז צוויי מאָהל „ניין“ געזאָגט און דאַך רעכענט ער דאָס פאַר אַ שבועה, ווען צוויי מאָהל „ניין“ איז אַ שבועה, איז צוויי מאָהל „יאָ“ אויך אַ שבועה (שבעות ל"ו).

ישו אַליין האָט פון דעם גאָר ניט געוואוסט, און האָט געהייסען זאָגען צוויי מאָהל „יאָ“ און „ניין“ וואָס איז לויט דעם דין גלייך צו אַ שבועה.

אויסער אַלעם איז די גאַנצע זעהונג אויף דעם באַרג אַ לעסטערונג אויף דער תורה, וועלכע, ווי ער האָט פערזיכערט, איז געקומען ניט פערשטע־רען נאָר פערשטאַרקען. און דער וועלכער וועט אַליין, אָדער דעם צווייטען לערנען צו פאַרשטערען זי איז פערשאָלטען אין הימעל־רייך.

באמת, וואָלט ישו אַזוי געדאַרפט זאָגען: איהר זאָלט ניט מיינען, אַז פערשטאַרקען תורת משה בין איך געקומען. ניט פערשטאַרקען זי נאָר פערשטערען זי בין איך געקומען, דער, וועלכער וועט זי אַליין און אויך אַנ־

דערע לערנען צו פערשטערען זי, דער וועט גרויס זיין אין מיין הימעל־רייך. דער אָבער וועלכער וועט זי פערשטאָרקען, דער איז פערשאָלטען אין מיין הימעל־רייך.

און זיין זעהונג האָט ער אזוי געדאָרפט פאָרטראָגען:

איהר האָט געהערט אין דער תורה, אז אברהם האָט פאַר די רשעים פון סדום און משה פאַר די מצרים, וועלכע האָבען די אידען פיעל שלעכטס געטהאָן, גאָט געבעטען (בראשית י"ח 23—32; שמות ח' 8, 26, ט' 33, י' 18). איך זאָג: ניט פאַר דער וועלט בעט איך דיך, נאָר פאַר די וועלכע דו האָסט מיר געגעבען.

איהר האָט געהערט, אז די פאָריגע איז געזאָגט געוואָרען — פאַר־נעם ישראל, דער בעשאַפער איז אונזער גאָט. דער בעשאַפער איז איינער, ס'זאָל צו דיר קיין אַנדערע געטער אויסער מיר ניט זיין; איך בעשעפער ווער ניט געענדערט; איך בעשעפער, דאָס איז מיין נאָמען, מיין כבוד קיין אַנ־דערען וועל איך ניט געבען.

איך אָבער זאָג אייך: איך מיט גאָט זיינען איינס, איך בין אויך גאָט.

איהר האָט געהערט, גאָט האָט געהייסען אָפּהיטען שבת (שמות כ', 8—11); איך זאָג אייך: איך אליין בין דער האַרר פון שבת, אזוי ווי די כהנים אין מקדש האָבען קיין שבת ניט געהיט, אזוי אויך די, וואָס גלויבען אין מיר.

איהר האָט געהערט, אז די תורה האָט פאַרזאָגט, דו זאָלסט ניט מערדען (שמות כ' 13) איך אָבער זאָג אייך: א שווערד בין איך אויף דער וועלט ברענ־גען געקומען. א שווערד פון א פאָטער אין זיין זוהן, א שווערד פון א זוהן אין זיין פאָטער; א שווערד פון א מוטער אין איהר טאָכטער, א שווערד פון א טאָכטער אין איהר מוטער — פון יעצט — ווען פינף וועלען אין איין הויז זיין, וועלען צוויי פון זיי אויפשטעהן אויף דריי און דריי אויף צוויי. און דער וואָס האָט ניט, זאָל זיין העמד פערקויפען און זיך א שווערד קויפען. א פייער צו ברענגען אויף דער וועלט בין איך געקומען. וואָס נאָך וויל איך? — עס ברענט שוין..

אין דער תורה שטעהט, דו זאָלסט ניט גנב'ענען (שמות כ' 15), איך אָבער האָב דעם הויז־האַלטער געגלויבט, ווייל ער האָט זיין האַרר בעטראָגען. איך האָב מיינע תלמידים אויך געראָטהען, זיי זאָלען דורך פאַלשע געלד גוטע פריינד זיך קויפען (לוק' ט"ז 1—9).

איהר האָט געהערט, אז אליהו הנביא האָט די צרפתית געשפּייזט און אלישע הנביא האָט נעמן'ען געהיילט (מלכים א' י"ז 8—16. ב' ה' 9, 14) און אויך די פרושים האָבען געהייסען שפּייזען, היילען און מקבר זיין אָרימע היידען גלייך מיט די אָרימע אידען.*) — (גיטין, ס"א, א').

*)אין די ציטען ווען זיין אמונה האָט אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען זיך דורך זיינע מיטלען פון טרייבען רוחות א. ז. וו. און די קריסטען האָבען זיך בענוצט מיט פאַלשע בלבולים אויף אידען אז זיי בענוצען זיך מיט מענשען בלוט

איך אָבער אפילו ווען זיי וויינען און בוקען זיך צו מיר איך זאָל זיי היילען, רוף איך זיי הינט.

איהר האָט געהערט, אַז צו די פאָריגע איז עס אָנגעזאָגט געוואָרען: זאָלסט דיין פאָטער און מוטער עהרען (שמות כ׳ 12). איך זאָג אייך, דער וואָס זיינע עלטערען פערלאָזט ניט, אַזוי ווי איך אליין האָב געטהאָן, דער קען מיין תלמיד ניט זיין.

אין דער תורה איז פערבאָטען פאַלש עדות זאָגען (שמות כ׳ 12). איך אָבער זאָג עדות און ערקלעהר, אַז די תורה האָט בעפוילען פיינט צו האָבען דעם פיינד, כאָטש דאָס איז פאַלש.

די תורה האָט געגעבען דינים וועגען „ריין און אומריין" (ויקרא, י״א—ט״ו, במדבר, י״ט). איך אָבער האָב עס פערשטערט.

די תורה האָט פערבאָטען צו שילטען א ריכטער, א טויבען, וועלכער הערט ניט די קללה איך אָבער רוף די סופרים און פרושים „א שלעכטער דור, א דערצאָרענער". אַלע פעלקער רוף איך „הינט און חזרים".

אין דער תורה שטעהט, דו זאָלסט ליעבען דיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין. איך אָבער זאָג אייך: איהר זאָלט פערלאָזען אייערע חברים און געהן נאָך מיר.

אין דער תורה שטעהט, דו זאָלסט איהרע בוימער ניט פערדארבען, אבוואָהל פון דעם שונא (דברים כ׳ 19). איך אָבער האָב די פייגען־בוים פון ירושלים פערשאָלטען, אַז זי זאָל פערדאָרבען ווערען פאר שאַנדע, ווייל איך האָב ניט געוואוסט, אַז זי האָט נאָך ניט קיין פייגען. (מר׳ י״א 12—14).

וועגען די איבעריגע דינים און מצות פון דער תורה זאָלט איהר הערען וואָס אסטופנוס און פולוס, מיינע תלמידים, וועלען אייך אין מיין נאָמען זאָגען: זיי וועלען גאַנץ פּראָסט הייסען, אַלץ פערשטערען.

---

## וועגען דעם צוועלעפטען יסוד.

ישו איז מבטל די דינים פון טומאה וטהרה.

אויסער דעם וואָס מיט דעם פערשטערט ער תורת משה, וועלכע האָט עס שטרענג פערבאָטען, און אַליין אין זיינע הבטחות: אַז ניט צו פערשטערען נאָר צו פערשטאַרקען תורת משה איז ער געקומען, ציינט ער נאָך מיט דעם, אַז ער האָט גאָר קיין שום בעגריעף ניט געהאַט וועגען דעם טעם פון דעם פערבאָט מכח טומאה וטהרה. דער פערבאָט בעווייזט די גאָטליכקייט פון דער

---

אויף פסח. און ווייל מען האָט אין פאָריגע צייטען אָם מייסטען געהיילט דעם קראַנקען צאַפּען בלוט דורך לאָזען „צו דער אָדער" האָבען די חכמים געראַטען אַז מען זאָל היילען די פעלקער. נאָר אין דעם פאַל ווען עס איז ניט דאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר א בלבול. דאָך זעהן מיר. אין אַלע צייטען אידישע דאָקטוירים ביי קריסטען אין קייזערליכע און גיסטליכע הויפען.

תורה, וואָס נאָך מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, ווען די וויסענשאַפט, וועגען אנשטעקענדע קראַנקהייטען איז נאָך ניט געווען בעקאַנט האָט די תורה שוין אָנגעוויזען אויף די בעשעפענעס וואָס גיבען איבער קראַנקייהטען. עס איז כדי אָפּצוהיטען דעם מענשען פון קראַנקהייט, וואָס די תורה האָט פערבאָטען צו בענוצען זיך מיט די אומריינע בעשעפענישען. עס איז אין אָנקלאַנג מיט דעם לעצטען וואָרט פון היגיענע וואָס די תורה האָט געהייסען זיך רייניגען מיט קוואַל־וואַסער און געגען דעם איז ישו ארויסגעטראָטען.

---

## וועגען דעם דרייצעהנטען יסוד.

די פּרושים זיינען געווען געגען איהם, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קראַפט זינד צו פערגעבען, אַ זאַך וואָס נאָר גאָט אַליין קען דאָס טהאָן, אָבער ניט קיין מענש. ער האָט אָבער מיט דעם געוואָלט צייגען, אַז ער איז אויך אַ גאָט. דאַריבער האָבען די פּרושים אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז אַ מסית.

די קריסטען האָבען ערשט שפּעטער מיט פיעל הונטערטער יאָהרען איינגעזעהן דעם געפאַהר פון דער הבטחה. לוטער אַליין איז אויך ארויסגעטראָטען געגען זיין פערשפּרעכען צו פערגעבען זינד, געוועהנליך, זיי האָבען געזוכט צו פערענטפערען איהם מיט אזעלכע תירוצים, וועלכע זיינען פיעל ערגער פון דער פראַגע זעלבסט, נאָר ניט דאָס זיינען מיר אויסען.

וועגען הי וואונדער, וועלכע ער האָט זיינע גלויבער מבטיח געווען, אַז זיי וועלען ביכלת זיין צו בעווייזען — נון, זאָל דער וואָס האָט געזעהן כאָטש איינע פון די קלענסטע, ווי למשל, די פייגען־בוים זאָל דעם גלויביגען פאָלגען און זיך פון וואָרצעל אויסרייסען און איינפלאַנצען זיך אין די כוואַליעס פון ים. אָדער — דער באַרג זאָל זיך אויפהויבען און אין ים אַריינפאַלען, זאָל ער גלויבען, כל זמן אָבער מיר האָבען די וואונדער זיינע ניט געזעהן. האָבען מיר דאָס רעכט ניט צו גלויבען אין איהם.

וועגען דעם צווייטען טהייל פון יסוד: די שרעקליכע בעשטראַפונג וואָס עס וועט קומען אויף די אונגליקליכע, זעהט איהר, דאָס זיינען די קריסטען מקיים פונקטליך, מיט גרויס ליעבשאַפט פון דאָס גרעסטע ביז דאָס קלענסטע שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר.

עס וואָלט גלייכער געווען, אַז די קריסטען זאָלען פריהער אויף זיך אַליין אויספּרואווען אויב זיי האָבען ווענינגסטענס אמונה ווי אַ זענפט־קערנדל זיי זאָלען פּרואווען, אויב דער בוים אָדער דער באַרג וועט זיי פאָלגען. און זאָלען זיי סם־המות טרינקען און זעהען אויב זיי וועלען ניט שטאַרבען, און נאָכהער ערשט פערשפּרייטען זיין אמונה דורך שלעק און פּרעניות. דאַמאָלט וואָלט די גאַנצע וועלט בעפרייט געוואָרען פון אַלע אונגליקען. וואָס די קריסטען האָבען געבראַכט אויף דער וועלט. צו בערויערען אָבער, בענוצען זיי בלויז

דעם צווייטען טהייל פון דעם יסוד און פון ערשטען טהייל ווילען זיי גאָר ניט הערען.

דער תמצית פון אַלע רייד איז, אז די אידען האָבען געהאַט רעכט, ווען זיי האָבען איהם ניט געוואָלט גלויבען.

ישו איז, בכלל, געוועזן א שלעכטער מענש מיט א בייזע נאַטור, דאָס האָט די פרושים ניט געקענט געפעלען.

ישו האָט געלערנט זיינע תלמידים מיט שטאָלץ, אַזוי ווי איין הער־שער, ניט ווי די פרושים, וועלכע האָבען מיט זייערע תלמידים געלערענט, גע־לאַסען און מיט געדולד, ווי שלמה המלך האָט געזאָגט, „די רייד פון קלוגע ווערען גערלאַסען געהערט". (מת' ז' 29; קהלת ט' 17).

ווען די סופרים און פרושים האָבען פון איהם אַ מופת געפאָדערט בע־ווייז די ווארהייט פון דיינע רייד, האָט ער זיי גע־זידעלט, האָט זיי גע־רופען „אַ שלעכטער, אַ דערצאָרענדער". ער האָט זיך אויך בעריהמט, אַז ער איז גרעסער פון יונה און שלמה, און בעריהמעריי איז געווים ניט קיין שעהנע מדה. (מת' י"ב 41—42).

ווען זיינע תלמידים האָבען ניט געקאָנט דעם שטומען היילען, מחמת זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז נאָר מיט תפלה און פאַסטען קאָן ער געהיילט ווערען, רופט ער זיי צוליעב דעם „אַ דור אָהן גלויבען". (מר' ט' 19, 29).

— די כנענית פאַלט אויף איהר פנים ביי זיינע פיס, שרייט און בעט איהם, אַז ער זאָל זיך אויף איהר אונגליקליכע טאָכטער דערבאַרמען און היי־לען זי פון איהר שרעקליכע קראַנקהייט, און אלס ענטפער אויף איהר יאָמע־רען רופט ער זי אָן: „הונד".

אַלע פעלקער פון דער וועלט רופען עס אָן: „הינט און חזרים".

---

# דריטער טהייל.

מיר געפינען פיעלע מאָל אין ברית חדשה, אז עס איז צווישען ישו'ן און צווישען די פרושים פארגעקומען פערשיעדענע מחלוקות וועגען איינינגע הלכות פון דער תורה. מיר ווען דאָ באלד זיי ערקלעהרען און בעווייזען ווער פון זיי איז געוועזן גערעכט.

## אויב מען מעג היילען א חולה אום שבת.

די גרעסטע מחלוקת צווישען זיי איז געווען וועגען היילען א קראַנקען אום שבת. ישו אליין, שרייבען די מבשרים, האָט געהיילט קראַנקע אום שבת און ער האָט פארגעהאַלטען די פרושים, ווארום זיי זאָגען, אז מען טאָר קיין קראַנקען ניט היילען אום שבת (מתי' י"ב, 10-13; מר' ג' 1-5; לוק' ו' 1-10; י"ג, 10-17; י"ד 1-6; יוחנן ה' 2-9; ז' 23-24).

באמת אָבער איז זיין תרעומות אויף די פרושים געווען גאָר ניט בעגרינדעט, באמת האָבען די פרושים אליין נאָך פאר ישו'ן מתיר געמאַכט צו היילען קראַנקע אום שבת, אזוי ווי מיר זעהען דאָ אין עוואנגעליום אליין,

אז קראנקע פלעגען זיך וועגען רפואה באָדען אין „שער הצאן קוואל“ אים שבת און די פרושים האָבען זיי עס ניט פארוועהרט. (יוחנן ה׳ 2—17).

ווען זיי האָבען אין כפר נחום געזעהן אז ער היילט דעם קראנקען אום שבת האָבען זיי איהם ניט געפרעגט, ווארום ער היילט אום שבת, דען זיי אליין לערנען אויך, אז מען מעג היילען אום שבת. די דאָזיגע הלכה האָבען זיי געלערענט פון פיעלע פסוקים פון דער תורה: „שבת איז געגעבען געוואָרען פאר דעם מענשען, אבער ניט דער מענש פאר דעם שבת“. די תורה זאָגט: „די מצוות, וועלכע דער מענש זאָל זיי טהוען און זאָל לעבען אין זיי“, אבער ניט שטארבען אין זיי“ (יומא פ״ה).

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז מען מעג היילען דעם קראנקען דורך א שפרוך, אזוי ווי די חכמים זאָגען: מען שפּרעכט אָפּ פון שלאַנגען און עקדישען אום שבת“ (סנהדרין ק״א) אויך דאַן, ווען עס העלפט גאָר ניט; נאָר בכדי צו בערוהיגען דאָס געוויסען פון קראנקען (רמב״ם), ווען אָבער עס איז מעגליך צו היילען מיט א שפרוך אליין, און ניט מיט א מלאכה, וועלכע איז פערבאָטען צו טהאָן אום שבת, איז געווים בעסער צו היילען מיט א שפרוך אליין.

נאָך די אלע רייד איז שוין דייטליך קלאָהר, אז עס קאָן ניט זיין, אז די פרושים זאָלען אויף איהם מתרעם זיין, ווייל ער האָט געהיילט אים שבת. א געשוויר אויף א האנד, אויגען־וועהטאג האָבען די חכמים געהייסען היילען אויך דורך א מלאכה, בפרט א פערדארטע האנד, און בליני־דע אויגען דורך א שפרוך איז א כל שכן אז מען מעג, היינט ווי איז עס מעגליך, אז די חכמים זאָלען האָבען געגען ישו, וועלכער, לויט די עוואַנ־געליסטען זאָגען עדות, האָט בלויז געהיילט מיט א שפרוך?

ווען מיר קוקען זיך קלאָהר צו אין נייעם טעסטאמענט, זעהען מיר, אז ווען ער האָט געהיילט קראנקע אים שבת נאָר מיט שפּרוך אליין, האָבען די פרושים צו איהם טאָקע גאָר ניט געהאַט. ווען ער איז אים שבת געקומען אין „כפר נחום“ אין שול און האָט געפונען דאָרט א מאַן מיט אן אומריינעם גייסט און ער האָט אויף איהם אָנגעשריען: „זיי שטיל און געה ארויס פון איהם“, און ער איז פון איהם ארויס, האָבען זיי זיך אַלע פערוואונדערט (מר׳ א׳ 21—31), אָבער זיי האָבען איהם גאָר ניט געזאָגט. ביי דעם קוואַל פון „שער הצאן“ אָבער, ווען זיי האָבען געזעהען אז דער קראַנקער, וועלכער איז שוין געהיילט געוואָרען האָט נאָכגעטראָגען אים שבת זיין געלעגער, מיט ישו׳ס ערלויבניס, האָבען דאַן איהם די פרושים געפרעגט: ווארום טראָגסטו דיין געלעגער אים שבת? און ווען ער האָט זיי געענטפערט, ווייל זיין רופא האָט איהם אזוי געהייסען, דאַן האָבען זיי איהם געפרעגט: — ווער איז דאָס דער מענש, וואָס האָט איהם ערלויבט טראָגען זיין געלעגער? — זיי האָבען אָבער ניט געפרעגט: ווער איז דער מענש, וואס האָט דיך געהיילט אים שבת? ווייל היילען אים שבת מעג מען.

ווען זיי האָבען געזעהן, אז ישו האָט אָנגעשפּיגען אין דעם שטויב פון דער ערד און האָט א זאלב פערקנויטען און האָט מיט איהם די אויגען בעשמירט, האָבען אייניגע פון די פרושים געזאגט, אז ער איז ניט דער געטליכער מענש, אזוי ווי זיינע תלמידים האָבען דערצעהלט וועגען איהם, ווייל ווען ער זאָל זיין א געטליכער מענש, אזוי ווי זיי זאגען, און אז אלע מאָהל היילט ער קראנקע מיט א שפּרוך אליין, וואָלט ער דאָך ניט געהיילט דעם בלינדען דורך א מלאכה, וועלכע איז פערבאָטען אים שבת. ער וואָלט איהם אויך געהיילט מיט א שפּרוך (יוחנן ט' 6-17).

דעסגלייכען, ווען די פרושים האָבען געזעהן, אז זיינע תלמידים האָבען אים שבת געריסען זאנגען פון פעלד, און זיי האָבען ניט געוואוסט, אז זיי זיינען הונגעריג, דאַן האָבען זיי געפרעגט ישו'ן: „וואָרום זיינען זיי מחלל שבת?“ האָט ער זיי פריהער געענטפערט אזוי ווי עס געהערט צו-זיין: „זיי זיינען געווען הונגעריג“ און אויב הונגעריג — מעג מען. אזוי איז אויך דער דין. אזוי ווי די חכמים האָבען געלערענט, אז מען מעג א הונגעריגען עסען געבען אסור'דיגע מאכלים (יומא פ"ג). ער האָט זיך אָבער מיט דעם ענטפער ניט בעגנוגענט, נור צוגעלייגט, אז ער אליין איז דער מקדש, אז ער אליין איז שבת. אזוי ווי די כהנים האָבען קיין שבת אין מקדש ניט געהיט, דאָס זעלבע רעכט האָבען אויך זיינע תלמידים, וואָס זיינען פאַר איהם (מת' י"ב 1—8).

די הוספה זיינע זאָגט קלאָהר, אז ער פערשטערט גאָר שבת, און ווען די פרושים האָבען איהם געהאלטען פיר א מחלל שבת, האָבען זיי געהאט רעכט. סופו מוכיח על תחילתו. ווי מיר זעהען האלטען אלע זיינע גלויבער ניט קיין שבת.

אמת, מיר זעהען, אז דער חזן פון שול איז געווען אונצופריעדען, ווען ישו האָט געהיילט די פרוי, וועלכע איז אכצעהן יאָהר געווען קראנק, אים שבת. דער חזן האָט אָבער ישו'ן ניט פארגעהאלטען, וואס ער היילט איהר אים שבת, וואָרום מען מעג אים שבת היילען, ער האָט נאָר פארגעהאלטען דעם פאלק, וואָס קומט ניט די גאנצע וואָך זיך היילען, נור אלע קומען זיך היילען אים שבת און עס ווערט אין שול אן איינגשאפּט און א אונרוהע.

עס איז אויך מעגליך, אז דער חזן הייסט דעם פאלק קומען זיך היילען פון ישו'ן אין וואכעדיגע טעג, ווייל ער וויל ישו'ן אפּהיטען פון אן אונגנויטיגען חלול-שבת, וואָרום ווען זיי קומען אים שבת מוז שוין ישו איבער זיי מחלל שבת זיין. (לוק' י"ג 10—14).

אמת, מיר געפינען, אז די פרושים פרעגען איהם זיין מיינונג וועגען היילען אים שבת. מיר געפינען אויך אז זיי פרעגען איהם, וואס איז די גרעסטע מצוה אין דער תורה; זיי פרעגען איהם דעם דין פון א סוטה (מיר וועלען ווייטער רעדען וועגען דעם). די אלע פראגען האָבען זיי ביי איהם

געפרעגט נור כדי אויסצוגעפינען זיין מיינונג. און באמת האָט ער זיי אויף די אַלע פראַגען געענטפערט גאַנץ ריכטיג.

מיר געפינען ניט אין ברית חדשה אליין קיין איינציגען מאָהל, אז די פרושים זאָלען איהם זאגען, אז מען טאָר ניט היילען אים שבת. ווען ער האָט זיי געפרעגט וועגען דעם, האָבען זיי געשוויגען און גאר ניט געענטפערט. (לוק׳ י״ד 3—4).

לוקס שרייבט, אַז ישו האָט פערשטאַנען זייער מחשבה, אַז זיי פער־באַטען איהם צו היילען אים שבת (לוק׳ ו׳ 8). אויב אזוי האָט ער שלעכט געזעהען, דען ווי מיר האָבען בעוויעזען פון פיעלע שטעלען פון תלמוד, זיינען די פרושים ניט געגען היילען אים שבת. בכלל איז ער געווען א קנאַפּער יודע מחשבות, א ראיה איז דער פייגען־בוים: ווען ישו האָט געזעהען פון וויטען די בלעטער, האָט ער געמיינט, אַז עס זיינען פייגען. דער בוים האָט אָבער קיין פייגען ניט געהאַט, וואָרום עס איז נאָך גאָר ניט געווען די צייט פון פייגען (מר׳ י״א 13). ער האָט, אַלזאָ, פון בלעטער ביז פייגען ניט גע־קענט אונטערשיידען, און אויך ניט געוואוסט, ווען עס איז די צייט, ווען עס וואַקסען פייגען, א פשיטא שוין, אַז ער האָט ניט געקענט וויסען די מחשבות פון די פרושים.

דער שלום איז קלאָהר, אז סיי די פרושים, סיי ישו זיינען איינינג, אז מען מעג היילען א קראַנקען אים שבת, און ישו האָט קיין רעפאָרם אין דער הינזיכט ניט איינגעפיהרט.

## אויב אַ נדר געגען די עלטערען איז אַ נדר.

עס איז צווישען זיי געווען אַן אנדער מחלוקת וועגען א נדר, וואס איינער טהוט אנטקעגען די עלטערען, אז זיי זאָלען קיין הנאה פון איהם ניט האָבען. די פרושים זאגען, אז עס איז יאָ א נדר, ישו אָבער קריגט אויף זיי און ערקלעהרט, אז עס איז קיין נדר ניט, ווייל ער מוז דאָך עהרען זיינע עלטערען, אזוי ווי די תורה האָט פאַרזאָגט: „האַלט עהרליך דיין פאָטער און מוטער“, און דער נדר זיינער איז דאָרום געגען דער תורה (מתי׳ ט״ו 3־7).

ניט צו פערנעהמען זיך צו פיעל מיט די ראיות פון דער תורה, אויף וועלכע די חכמים האָבען די הלכה געבויעט, איז גענוג פאר אונז צו בעווייזען, אז ווען יונתן, שאול המלך׳ס זוהן, גאָר ניט וויסענדיג, אז זיין פאָטער האָט דאָס פאלק בעשוואוירען ניט צו פערזוכען פון דעם שונא׳ס רויב, האָט ער נור אביסעל האָניג פערזוכט, האָבען די אידען אלס עונש שוין פערלוירען א שלאַכט (שמואל י״ד 24—44). וועגען דעם ענין פון נדרים האָבען מיר שוין פריהער גערעדט. איך וועל נור דאָ ברייגגען איייניגע הלכות פון תלמוד, וועל־כע וועלען אונז ציינען, ווי פאַלש עס זיינען זיינע טענות אויף די פרושים.

דער תלמוד זאגט, אז ווען איינער האָט א נדר געטהאָן, אז זיינע עלטערען זאָלען פון איהם קיין הנאה ניט האָבען דערמאהנט איהם וועגען די עהרע פון זיינע עלטערען. זיי זאגען איהם: ווען דו זאָלסט געווען וויסען,

אז מען וועט דיינע עלטערען זידלען, וואס האבען געבוירען אזא קינד, וואס איז נודר נדרים, וואלסטו א נדר געטהון? נאך מעהר, אפילו אז ער איז מנדר, אז קיין מענש זאל פון איהם ניט הנאה האבען, זאגען איהם די חכמים: ווען דו זאלסט געוואוסט וויסען, אז דו ביזט עובר אויף דער תורה, ווייל זי האט פערזאגט: דו זאלסט זיך ניט נוקם זיין און זאלסט ניט טראגען קיין האס, און דו זאלסט ניט פיינד האבען אין הארצען דיין ברודער, און זי האט אויך געהייסען דיין ברודער ליעבען אזוי ווי זיך, וואלסטו א נדר געטהאן? ער ענטפערט: ווען איך וואלט געוואוסט געוואוסט, וואלט איך קיין נדר ניט געטהאן, — דער נדר איז שוין מותר (נדרים ס"ד).

די ירושלמי ערקלעהרט: אז ווען איינער וויל ניט אויף א נדר זיך מתיר זיין, שלאגט מען איהם מלקות.

נאך די אלע ציטאטען פון תלמוד האבען ישו'ס טענות וועגען נדרים קיין שום מאכט ניט. וואס עס פערדריסט אבער איז דאס: דער ישו, וואס האט פארשעהמט זיין מוטער, ווען זי איז געקומען פאר דער שול, דער ישו וואס הייסט זיינע תלמידים זייערע עלטערען פערלאזען, ער מאראליזירט די פרושים מכח עלטערען ערליך האלטען. אויף דער ארט האנדלונג דארף מען איהם זאגען זיין אייגען ווערטעל: ווארום זעהסטו א שפענדיל אין דיין חבר'ס אויג און ניט דעם באלקען וואס אין דיין אויג? נעהם פריהער ארויס פון דיין אויג דעם שפענדיל, וועסטו דאמאלס זעהן, ווי ריין דאס אויג איז פון דעם צווייטען.

מיר געפינען צווישען זיי נאך א מחלוקת וועגען באטריגען דעם צווייטען.

## אויב מען מעג בעטריגען א צווייטען.

אין דער תורה שטעהט אזוי: „און ווען דער פרעמדער, וועלכער וואהנט מיט דיר וועט רייך ווערען און דיין ברידער וועט פעראריומט ווערען און וועט צו איהם פערקויפט ווערען, אדער צו דעם עיקר פון זיין משפחה (צו בעדיענען זיין עבודה זרה), דאן, 1) נאך דעם פערקויפען זאל ער אויסגעלייזט ווערען; 2) איינער פון זיינע ברידער זאל איהם אויסלייזען; 3) און ער זאל זיך מיט זיין קויפער בערעכענען; 4) ווען יובל יאהר וועט אנקומען זאל ער מיט זיין ווייב און קינדער בעפרייעט ווערען" (בהר כ"ה, 47—54).

די חכמים האבען ערקלעהרט: די תורה האט אמיסטנע ווען דער קויפער איז א גוי אנגעגעבען דריי איבעריגע פונקטען, וועלכע זיינען אין פאל ווען דער קויפער איז א איד, גאר ניט דערמאהנט געווארען. ללמד, צו לערנען אונז דריי הלכות: 1) דער ארימער ברודער מוז זיך פערקויפען צו דעם רייכען גר: ער טאר איהם ניט בע'גזלנ'ען; 2) זיין ברודער טאר איהם ניט אפנעהמען מיט געוואלד, — ער מוז איהם אויסלייזען; 3) ער טאר ניט אויסלייזען איהם נור דורך א ריכטיגען רעכנונג, — ער טאר איהם ניט נארען אין חשבון.

דאס איז גערעדט געווארען, ווען דער גוי איז אונטער דיין מאכט

אין דיין לאנד, פון דעם קאנסטו שוין אליין פערשטעהן ווי אזוי זיך מיט א גוי צו פיהרען, ווען דו געפינסט זיך אונטער זיין מאכט אין זיין לאנד. (ספרא בהר).

אויף אן אנדער פלאץ: „מיין זוהן, די תורה שרייבט: דו זאלסט ניט בעטריגען דיין חבר און זאלסט איהם ניט בע'גזל'ענען. דיין חבר איז גלייך צו דיין ברודער, און דיין ברודער — צו דיין חבר. דאס לערענט דיך, אז מען טאר ניט א גוי בע'גזל'ענען, גלייך אזוי ווי דיין ברודער (אליהו רבא פ' ט"ו).

אויף אן אנדער פלאץ: „אפילו דעם געדאנק פון א גוי איז אויך פערבאטען צו גנב'ענען, ווען אפילו דער גוי וועט דורך דעם קיין שום שאדען ניט האבען" (חולין צ"ד).

ניט נור בעטריגען דעם גוי איז פערבאטען, מען מוז איהם אויך זיין אבדה אפגעבען, ווען אפילו מען דארף צוליעב דעם איינשטעלען דאס לעבען אין סכנה.

אט וואס דער תלמוד דערצעהלט וועגען שמואל בן סוסטריי.

„א מלכה האטביים טייך איהר ציערונג פערלארען. שמואל בן סוסטריי האט עס געפונען. דער מלך האט בעפוילען: ווער עס וועט איהם פאר דרייסיג טעג דאס אפברייננגען, וועט ער ערהאלטען מתנות; נאך דרייסיג טעג — וועט ער געטויטעט ווערען. שמואל בן סוסטריי האט עס געבראכט נאך דרייסיג טעג. דער מלך האט איהם געפרעגט, אויב ער האט דעם בעפעהל געהערט, ווארום האט ער עס איהם פריהער ניט געבראכט? — צו בעווייזען — האט ער געענטפערט — אז מען מוז אפגעבען די אבדה צו א גוי, ווען אפילו מען שטעלט דאס לעבען אין סכנה. ווען אבער איך וואלט עס פאר דער צייט געבראכט, דאן וואלטען זיי מיינען, אז צוליעב די מתנות האב איך עס געטהאן.

די תלמידים האבען געבראכט צו ר' שמעון בן שטח א דימענט, וואס איז געהאנגען אויף דעם האלז פון זיין אייזעל, וואס ער האט ביי א טערק געקויפט. ר' שמעון האט בעפוילען אומקעהרען דעם דימענט צום טערק — אן אייזעל האב איך געקויפט — האט ער בעמערקט — אבער ניט קיין דימאנט (ירושלמי, בבא מציעה, מ"ד פרשה עקב).

ווען א גנב אדער א גזלן טהוט מיט זיין גנבה אדער גזלה א מצוה, איז ניט נור וואס זי האט קיין שום ווערטה ניט, נור ער דערצארענט נאך גאט מיט דעם, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „די לויב פון דעם רשע פאר זיין ווילען און דעם בערויבער'ס ברכה דערצארענט גאט, ווארום איך, גאט, האב פיינט די גע'גזל'טע עולה" (תהלים י' 3; ישעיה ס"א 8).

דער מדרש זאגט: משל למה הדבר דומה, עס איז גלייך צו א רויבער, וואס האט דעם מלך'ס בעדיענער בערויבט. ער איז אבער געכאפט געווארען, און ער האט אייניגע פון די זאכען, וואס ער האט פון איהם בערויבט, איהם צוריק געגעבען, אז דער דיענער זאל פאר איהם גנאדע ביי דעם מלך בעטען.

דער בעדיענער האט פאר דעם מלך אלץ פערצעהלט. זיין פערטהיידיגער אליין האט איהם פערשולדיגט. (מד' רב' אמור).

יעצט וועלען מיר וועגען דעם ענין הערען ישו'ס רייד:

און ער האט אויך געזאגט צו זיינע תלמידים: עס איז געווען א רייכער מאן, און ער האט געהאט א הויז־האלטער אויף זיין הויז, אויף וועמען מען האט גערעדט, אז ער ברענגט אוים זיין פערמעגען. ער האט איהם גע־פרעגט: וואס איז דאס, וואס איך האב וועגען דיר געהערט? — מעהר קאנסטו ביי מיר ניט זיין. דער הויז־האלטער האט צו זיך געטראכט: וואס וועל איך טהון, ווען מיין העדר נעהמט פון מיר מיין שטעלע צו? ערד בעאר־בייטען קען איך ניט; נדבות בעטען איז א שאנדע פאר מיר. איך וויים וואס צו טהון, אז נאך דעם זאל מען מיך אין הייזער איינלאדען. ער האט גערופען יעדען בעל חוב, וואס איז דעם הארר זיינעם שולדיג געווען און האט דעם ערשטען געזאגט: ווי גרוים איז דיין חוב? — הונדערט מאס בוימאייל — איז זיין ענטפער געווען, — נעהם צוריק דיין שטר און שרייב אויף פופציג. — און ווי גרוים איז דיין שולד — האט ער דעם צווייטען גע־פרעגט? — הונדערט מאס ווייץ — האט ער געענטפערט. — נעהם צוריק דיין שטר און שרייב אויף אכציג. דער הארר האט דיעזען הויז־האלטער, דעם בעטריגער געלויבט, דאס ער האט זיך קלוג אויפגעפיהרט; ווארים די וועלט מענשען זיינען קלוגער פון די ליכטיגע מענשען אין זייערע דורות. — און איך זאג אייך אויך: קויפט זיך גוטע פריינד מיט שלעכטע געלד און צו דער ענדע וועלען זיי אייך אריינברייגען אין אייביגער רוה. (לוק' ט"ז, 1-9).

„ווען אבער דורך אונזערע זינד וועט בעוואוסט ווערען גאט'ס גע־רעכטיגקייט, וואס זאלען מיר זאגען — זאגט פולוס — אונגערעכטער גאט איז ער, וואס משפט אונז מיט צארען! איך רייד אזוי ווי דער שטייגער איז פון מענשען — חלילה — ווען אזוי — ווי קאן ער די וועלט משפט'ן? ווען אבער גאט'ס ווארהייט איז דורך מיין ליגען שטארקער געווארען, כדי ער זאל עהרליך ווערען, ווארום זאל איך פון זיין געריכט ארוים א פערשולדיג־טער? (רוימער בריעף ג' 5-7).

אט דאס איז די תורה פון ישו און פולוס זיין שליח.

„די פרושים אז זיי האבען דאס אלעס געהערט, האבען זיי איהם אויסגעשפאט" (לוק' ט"ז 14-15).

פולוס אליין בעקלאגט זיך אויך אויף די פרושים ווארום זיי שפאטען פון דיעזע רייד. ער זאגט: „אבער אזוי זיינען די רייד פון די, וואס האסען אונז, וואס רעדען שלעכטס אויף אונז, ווייל מיר זאגען: מיר וועלען שלעכטס טהון, כדי עס זאל דערפון גוטעס ארויסקומען. די, וועלכע משפט'ן אונז זיינען אליין פערשולדיגט" (רומ' ג' 8).

ישו'ס און פולוס'ס רייד, וועלכע מיר האבען דא געבראכט, זיינען געווארען דער קוואל פון פאלשקייט, רויב און בלוט־פערגיסונג אויף דער

וועלט. „דער ציעל הייליגט די מיטעל“ איז געוואָרען דער שלאַג־וואָרט פון די יעזואיטען. פאַר קיין שלעכטען מיטעל האָבען זיי זיך ניט אָפּגעשטעלט. אַ שאַרפע שווערד האָט ער מיט די רייד אויף דער וועלט געבראַכט, איין אייביגען גהינם־פייער האָט ער אָנגעצונדען; פיעלע מענשליכע קרבנות האָבען זיינע גלויבער אויף דער וועלט אין זיין נאָמען אָפּגעבראַכט, יעדער שלעכטער מענש, יעדער אכזר, רויבער און בלוט־דורשטיגער מענש האָט איצט אַ פריי־האַנד צו בעגעהן זיינע שענדליכע מעשים, און ניט נאָר וועט ער בעשטראָפט ניט ווערען, ער ווערט נאָך אַלעם הייליגער גערעכענט זיין; דען ער וועט ענטפערען: איך ברויך דאָס שלעכטע, כדי איך זאָל זיך קויפען פריינד אין הימעל־רייך“, אָדער: ווען מיין שולד און גאָט לייקענונג ניט גאָט מאַכט און עהרע, ווארום זאָל איך פון זיין געריכט אַ שולדיגער ארויס?

די דאָזיגע רייד האָבען די אינקוויזיציע געשאַפען און טויזענדער אידען זיינען אויף דעם מזבח אין זיין נאָמען פערברענט געוואָרען.

צוליעב די רייד טראַכטען זיי אוים אויף די אידען טאָג־טעגליך פאַלשע, נאַרישע בלבולים, בכדי זיי צו בע׳גזלנ׳ען און הרג׳ענען, און פון דער זועלט זיי אָפּצומעקען.

ווען די פרושים, הערענדיג די רייד וואלטען געוואוסט די אומגליקען, וואס זיי וועלען אויף זייערע קינדער ברייגגען, וואלטען זיי ניט געלאַכט, נאָר פערגאָסען טרעהרען מעהר ווי אויף חורבן ירושלים.

אין איין פאַל טרעט ישו ארוים געגען דער תורה מיט די פרושים אין איינעם. „איהר האָט געהערט, זאָגט ישו, אז צו די פאָריגע איז געזאָגט געוואָרען אן אויג פאַר אַן אויג; אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן, איך אָבער זאָג אייך: ווען מען שלאָגט דיך אין דער רעכטער באַק, שטעל פאַר איהם אוים די לינקע אויך, — ווען ער נעהמט פון דיר דיין מאַנטעל, גיעב איהם אויך דיין העמד“. (מת׳ ה׳ 38—40).

פאַר אַלעם זעהען מיר אויך דאָ, אז בכדי צו פערהאַסען די תורה, האָט ער זיך בענוצט מיט דער אונוויסענהייט פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין ידיעה אין תורת משה, נאָך מעהר אין קבלת־הפרושים, און האָט פאַר זיי פערלייקענט דעם פשט פון תורה לויט די פרושים. לויט די פרושים האָט די תורה דאָ געמיינט, אז דער מזיק זאָל בעצאָהלען דעם נזוק די ווערטה פון דעם אבר, וואס ער האָט פערלוירען. די חכמים האָבען אזוי געלערנט: ווייל די תורה שרייבט „און דער וואָס האָט אַ מענשען גע׳הרג׳עט זאָל געטויט ווערען, און דער וואָס הרג׳עט אַ בהמה זאָל ער פאַר איהר בעצאָהלען. אַ נפש פאַר אַ נפש; אַן אויג פאַר אַן אויג; אַ צאָן פאַר אַ צאָן“.

די תורה האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען אַ מענשען הרג׳ענען, און צום ענדע רעדט זי ווידער וועגען אַ מענשליכען אבר; וואָרום האָט זי די בהמה אין מיטען ענין אריינגעשטעלט? בכדי, אז דער: „ער זאָל בעצאָהלען“ זאָל געהן אויף די אלע זאַכען, וואס ער רעכענט ווייטער אוים: אַ נפש

זאָל ער בעצאָהלען פאַר א נפש; אַן אויג — זאָל ער בעצאָהלען פאַר אַן אויג; אַ צאָהן זאָל ער בעצאָהלען פאַר אַ צאָהן.

די תורה האָט אויך קלאָהר געשפּראָכען — איהר זאָלט קיין אויס־לייזונג ניט נעהמען פון א מערדער, וועלכער איז פערשולדיגט אויף טויט" — מען מעג אָבער נעהמען אויסלייזונג פון דעם, וועלכער איז ניט קיין מערדער, וועלכער ווערט ניט אויף טויט בעשולדיגט... (ספרי אמור, ב"ק פּ"ג).

די תורה האָט אויסגעדריקט דעם דין אַזוי, מיט א כונה; בכדי, אַז דער איינפאַכער מענש זאָל מיינען, אַז ער וועט בעשטראָפט ווערען מיט אַן אבר פאַר אַן אבר — און ער וועט זיך מעהר היטען שאַדען אָנצוטהאָן דעם צווייטען, ווען אָבער דער מזיק וועט פאַר דעם בית־דין געבראַכט ווערען, וועט ער איהם נאָך די ריכטיגע כונה משפט'ען, אַז ער זאָל נאָר געלד בעצאָהלען...

דאָס אַלעס איז גערעדט לויט דעם דין. די תורה האָט אָבער געהייסען, מען זאָל זיך פיהרען מיט יושר, אַזוי ווי זי זאָגט: „דו זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און זאָלסט קיין פערדראָס ניט האַלטען אויף די קינדער פון דיין פאָלק" — שלמה זאָגט אויך: „דעם מענשענ'ס שכל פערלענגערט זיין צאָרן און זיין שעהנהייט פערגיעבט די זינד". זאָלסט ניט זאָגען: אַזוי ווי ער האָט מיר געטהאָן, וועל איך איהם אפּטהאָן; אַזוי ווי זיין ווערק וועל איך איהם אומקעהרען. בן סירא האָט אויך געזאָגט: „פערגעס די שולד פון דיין ברודער, וועט גאָט אויך דיינע זינד דיר פערגעבען" (משלי י"ט 11, כ"ה 29; בן סירא כ"ח).

דער, וואָס דורך איהם ווערט זיין חבר בעשטראָפט לאָזט מען איהם ניט אריין אין גן עדן. (ב"ק צ"ג).

די אַלע רייד האָט ישו פאַר זיינע תלמידים פערלייקענט.

צו דער זעלבער צייט האָט ער געהייסען אַרויסשטעלען די לינקע באַק; אָפּגעבען אויך דאָס העמד. — זעהר שעהן. עס איז אָבער זעהר אַ גרויסער וואונדער: וואָרום האָט ישו אויך זיין צווייטע באַק ניט אַרויסגע־שטעלט פאַר דעם שוטר, ווען ער האָט איהם געפּאַטשט, ווייל ער האָט אַנט־קעגען די סנהדרין מעיז געוועזן? אַנשטאָט אַרויסצושטעלען די צווייטע באַק האָט ער איהם געפרעגט, וואָרום ער פּאַטשט (יוחנן י"ח 22—23), וואָרום האָט ער ביי דער גאָלדענער געלעגענהייט ניט בעוויעזען פאַר די סנהדרין זיינע גרויסע אידעאַלען, וועלכע, לויט זיי זאָגען, זיינען העכער פון תורת משה? קיין מופתים האָט ער פאַר זיי ניט געקענט ווייזען, ווייל זיי האָבען אין איהם ניט געגלויבט, האָט ער אויך זיין תורה ניט געקענט ווייזען, ווייל זיי האָבען אין איהם ניט געגלויבט?

אויך זיין תלמוד פּולוס האָט דעם ריכטער געשאָלטען, ווייל ער האָט פאַר זיין גאָט־לעסטערונג בעפאָלען איהם שלאָגען. וואָרום האָט ער ניט אויפ־געשטעלט די באַקען? וואָרום גאָר שעלטען? (אפּאָס' געשיכטע כ"ג, 3).

מען קאָן מיט רעכט, וועגען איהם זיינע אייגענע ווערטער בענוצען, „זיי זאָגען, אָבער זיי טהאָן ניט, זיי הענגען אָן א שווערע לאַסט אויפ'ן מענשענ'ס אַקסלען. זיי אַליין ווילען אַפילו ניט מיט א פינגער אָנריהרען" (מתי כ"ג, 3—4).

דעם פאַלשען גלויבען, אז עס קען פון שלעכטס ארויסקומען גוטס. מען דאַרף זיך ניט געגענשטעלען געגען דעם שלעכטס, ווארום מען קען זאָגען, ווער ווייסט, וואָס ער איז מיט דעם שלעכטעס מכון? אפשר מיינט ער מיט זיינע שלעכטע מעשים צו שאַפען גוטעס?

און נאָך עפּעס, זיין תורה: זיך ניט געגענצושטעלען געגען שלעכטס איז א גאַנץ שעדליכע לעהרע און פערקעהרט גאָר פון אונזער תורה און ספרים, וועלכע לערנען אונז, אז פון שלעכטס קען קיין גוטס ניט ארויסקומען. האָבען אויך שטרענג פערזאָגט „און דו זאָלסט אויסראַמען דאָס שלעכטע פון זיך". (דברים י"ט 19, כ"א 21, כ"ד 7). זיי האָבען אויך ערקלעהרט, אז מצות פון אומריינע געלד זיינען אומווירדיג פאַר גאָט. אז קיינמאָל וועט די זינד ניט פערשאַפען גאָט מאַכט און עהרע. אז גאָט'ס גערעכטיגקייט קען דורך זינד קיינמאָל ניט בעוואוסט ווערען. — ממילא איז דאָך אויך שוין זעלבסט־פערשטענדליך, אז מען דאַרף ניט דערלאָזען קיין שלעכטעס טהאָן.

ישו, פערקעהרט, וואָס גלויבט, אַז מען קען זיך אויך דורך זינד און שלעכטיגקייט קויפען דאָס הימעל־רייך איז קעגען זיך שטעלען קעגען זינד און פערברעכען, קעגען רויב און מאָרד, און האָט אויף דעם אופן געהאָלפען פערפלאַנצען די הכנעה און שקלאַפעריי און שטאַרקען די האַנד פון די אונטערדריקער.

איהר אידען, וועלכע ווילען אין ישו'ן ניט גלויבען, וואָס פאָדערט ער און פולוס פון אייך? נאָר א קליינינקייט, אז ווען טאַרקוואָמאַדאָ, זיין כהן גדול מיט אַלע זיינע מיטהעלפער וועלען אייך מקריב זיין אלס קרבנות אויפ'ן הייליגען „אַטאָ־דע־פע"־מזבח, אויף דעם הייליגען פייער אין ישו'ס נאָמען, זאָלט איהר חלילה ניט צושטערען זייער הייליגע ארבייט, איהר זאָלט ניט בעהאַלטען קיין קינדער, קיין עלטערען, קיין ברודער, קיין שוועסטער און פריינד, דען איהר פערשולדיגט זיך אין דעם קעגען ישו'ן, גאָט'ס זוהן. געדענקט זיין הייליגען געבאָט — „ווען מען שלאָגט דיך אויף איין באַק — שטעל אויך איהם אוים די צווייטע", כדי זיי זאָלען מיט אייערע קרבנות זיך גוטע פריינד קויפען אין הימעל־רייך; כדי עס זאָל בעוואוסט ווערען די מאַכט פון גאָט'ס גערעכטיגקייט.

ווען פערדינאַנד קאַטאָליק, פיליפּ דער שעהנער און זייער גלייכען אין אַלע צייטען, וועלען אייך אין ישו'ס נאָמען פון לאַנד ארויסטרייבען און אייערע גיטער בערויבען, זאָלט איהר זיך היטען פון בעהאַלטען פון זיי אַפילו א בענדעל אָדער א שיך־שנירעל, איהר זאָלט געדענקען ישו'ס געבאָט: „ווען

ער בערויבט דיין מאנטעל גיב איהם אויך דיין העמד". בזוי זיי זאָלען זיך מיט דעם גערויבטען געלד קויפען גוטע פריינד אין הימעל־רייך.

דאָס איז זייער תורה און דאָס איז די ווירקונג וואָס זי האָט געהאַט אויף איהרע אָנהענגער.

סופו מוכיח על תחלתו.

# פיערטער טהייל.

עס געפינען זיך אין „יעוואנגעליום" אויף שעהנע שטעלען, וועלכע לערנען דעם מענשען טהייערע מדות, ווי אזוי ער ברויכט זיך צו פיהרען אין זיין לעבען אויף דער וועלט. די אלע זיינע גוטע רייד האָבען אָבער א ווערטה נאָר פאר די יעניגע, וועלכע ווייסען גאר ניט פון תורה, נביאים וכתובים, און אויך ניט פון תורת הפרושים; — פאר די אידען אָבער, וואס ווייסען פון תורת היהודים. — אויסער דעם, וואָס זיינע אלע גוטע רייד האָבען זיי שוין לאנג געהערט פון תנ"ך און פון די פרושים, זעהען זיי דערביי אויך ארוים די פאלשקייט זיינע, אז ער האָט זיך בענוצט מיט דער אונוויסענהייט פון זיינע תלמידים און האט פאר זיי פערלייקענט די ריכטיגע קוועלע, פון וואנען ער האָט זיין הכמה געשעפט, און האָט פאר זיי אלץ אלס איינענעם ארויסגע־געבען, און האָט נאָך אפטמאָל געהאט עזות און חוצפה די תורה מבזה צו זיין.

איך וועל ברייננגען די אלע שעהנע שטעלען, וואס אין יעוואנגעליום, און אויף יעדען ארט בעזונדער ברייננגען דעם קוועלע פון תנ"ך און תורת הפרושים, און אויך פון די בעלי־התלמוד, וועלכע האָבען זייער מוסר געשעפט פון תנ"ך, ווי זיי ווייזען אויף יעדען אָרט אין תנ"ך, פון וואנען זיי האָבען דאָס געלערנט, פון וואנען עס וועט קלאָהר ווערען, אז אלץ וואָס עס איז גוט אין איהם איז ניט ניי, און דאָס נייע איז ניט גוט.

## א.

### „תורת היהודים".

דערהויבען און געהייליגט רוה איך און אויך מיט דעם פאר־שטויסענעם און דעשרלאָגענעם. (ישעיה נז, 15).

קערט זיך אָפּ פון מיר, אלע זינדי־גע, וואָרום מיין טרויער־שטימע האָט געהערט גאָט. (תהלות ו, 9).

און די זאנפטמוטיגע וועלען די ערד ירש'נען (—לז, 11).

די אמת'ע שפראכע איז שטארק אויף אייביג (משלי יב, 19).

### „יעוואָנגעליום".

געבענשט זיינען די דערשלאָגע־נע, וואָרום דאָס הימעל־רייך איז פאר זיי.

געבענשט זיינען די טרויעריגע, וואָרום זיי וועלען זיין געגרויסט.

געבענשט זיינען די זאנפטמוטי־גע, ווייל זיי וועלען די ערד ירש'נען.

געבענשט זיינען די, וואָס הונ־גערען און דורשטען נאָך גערעכטיג־קייט, ווייל זיי וועלען זעטיג זיין.

געבענשט זיינען די בארמהערצי־

„תורת היהודים“.

מיט דעם חסיד טהוסטו די חסדים (תהלות יח, 26).

ווער וועט אויף גאָט'ס בארג ארויפגעהן? ווער וועט אויף זיין הייליגען אָרט שטעהן? — דער מאַן מיט ריינע הענד און מיט א קלאָהר הארץ (—כד, 3—4).

קומט קינדער, הערט מיך צו — זוך שלום און יאָג זיך נאָך איהם. (—לד, 12—15).

די וועלכע ווערען בעליידיגט און זיי בעליידיגען ניט יענעם; זיי הע־רען זיך שענדען און ענטפערען ניט, — אויף זיי זאגט דער פסוק — זיי זיינען זיינע ליעבהאָבער, אזוי ווי די זונן, וואָס אין איהר מאכט שיינט אויף. (שבת פ"ח).

„יעוואַנגעליום“.

גע, וואָרום זיי וועלען בארמהערציג־קייט דערגרייכען.

געבענשט זיינען די ריינהערציגע, ווייל זיי וועלען זעהען גאָט.

געבענשט זיינען די שלום־זוכער, ווייל זיי ווערען גאָט'ס קינדער אָנ־גערופען.

געבענטש זיינען די, וואס ווע־רען געיאָגט וועגען גערעכטיגקייט, ווייל צו זיי איז הימעל־רייך. (מת' ה", 3—11).

ב.

„תורת היהודים“.

קיין גלייכען צו זיינע רייד האָ־בען מיר ניט געפונען; זאַלץ קען קיינמאָל ניט פערליערען דעם טעם. גאָט האָט מבטיח געווען צו אהרן הכהן, אז זיין ברית כהונה וועט, אזוי ווי זאַלץ, קיינמאָל ניט פערשטערט ווערען (במדבר יח—יט).

די חכמי אתונא האָבען שפּאָטענדיג געפרעגט ר' יהושע בן חנינא: זאַלץ, ווען עס ווערט אָן דעם טעם, מיט וואָס זאָל מען זי זאַלצען (בכורות ח').

„יעוואַנגעליום“.

איהר זייט דאָס זאַלץ פון דער וועלט. ווען די זאַלץ פערליערט דעם טעם, מיט וואָס זאָל מען זי זאַלצען.

ג.

„תורת היהודים“.

די חכמים זיינען דאָס ליכט פון דער וועלט (ב"ב ד').

„יעוואַנגעליום“.

איהר זיינט דאָס ליכט פון דער וועלט.

ד:

„תורת היהודים“.

ווען איין מענש וועט זינדיגען נעגען זיין חבר — זאָל ער פריהער אומקעהרען די גזלה, וואס ער האָט גערויבט מיט נאָך א פינפטעל, און נאכהער זאָל ער זיין קרבן פאר גאָט ברייננען (ויקרא ה' 21—25).

„יעוואַנגעליום“.

ווען דו ווילסט דיין קרבן אויף דעם מזבח מקריב זיין, און דו האָסט זיך דערמאָהנט, אז דיין ברודער האָט וואָס קעגען דיר, — לאָז דעם קרבן ביי דעם מזבח און זעה פריהער דיין ברודער איבערבעטען, און נאכהער

### „תורת היהודים“.

טהאָן צדקה און גערעכטיגקייט איז פאר גאָט בעסער ווי אַ קרבן. (משלי כא, 3).

### „יעוואַנגעליום“.

זאָלסטו דיין קרבן אויף דעם מזבח בריינגען (— 23—24).

פון אייערע זינד אנטקעגען גאָט איז יום הכפור מכפר, אָבער ניט פון די עברות אנטקעגען מענשען. יום־הכפורים וועט זיי ניט פאַרגעבען. מען מוז דעם חבר איבערבעטען (יומא פ"ה).

רב איז געגאַנגען איבערבעטען אַ קצב, וועלכער האָט געזינדיגט געגען איהם.

## ה.

### „תורת היהודים“.

יעדער, וואָס דערצאָרענט זיין חבר מיט רייד, מוז ער איהם איבער־בעטען, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: מיין זוהן! אויב דו ביסט ערוב צו דיין חבר, דיין האנד האָסטו איהם געגעבען, דו האָסט זיך מיט דיין וואָרט געשטרויכעלט, — זאָלסט דו טהאָן אזוי, מיין זוהן, דו זאָלסט ניצול ווערען; אויב דו האָסט זיך מיט דיין האנד אריינגעכאַפּט — בעט איהם איבער. אויב דו ביזט איהם געלד שולדיג, צאָהל איהם אָפּ. אויב ער וויל ניט, שטעל אָן גוטע פריינד (יומא פ"ז).

### „יעוואַנגעליום“.

שלים מיט דיין געגנער שלום ווען דו ביזט נאָך אין וועג, בכדי ער זאָל דיך צו דעם ריכטער ניט איבער־געבען, און דער ריכטער צו דעם שוטער, אז ער זאָל דיך אין געפענגנים בינדען (—25).

## ו.

### „תורת היהודים“.

עס שטעהט: „און מיר האָבען פאר גאָט א קרבן געבראַכט, יעדער מענש דאָס ציערונג, וואָס ער האָט געפונען — א כפרה פאר זיין זעעלע“ פרעגט ר' ישמעל, וואָרום די קרבנות? ווייל, אַראָפּנעהמענדיג דאָס ציערונג פון די ווייבער, האָבען זיי אויף די ווייבער געקוקט, האָבען זיי דאָס ציערונג פאַר א קרבן געבראַכט (מדרש רבה, שבת ס"ד).

### „יעוואַנגעליום“.

איך אָבער זאג אייך: ווער עס קוקט אויף ווייבער צוליעב זיין הנאה, דער איז א נואף אין הארצען (—25).

היט זיך פון אַלעם שלעכטעס. — קוק ניט אויף א שעהנע פרוי, ווען אפילו ניט קיין פערהייראַטהע, אויף א פערהייראטהע אפילו ווען זי איז א מיאוס'ע, אויך ניט אויף וויבערשע שעהנע קליידער (ע"ז כ').

אין דאָס אויג פון דעם נואף וואָרט „פינסטערניש“. א נואף מיט זיין אויג איז שוין א נואף (מ"ר).

## ז.

### „תורת היהודים“.

ווען א שעהנע פרוי האָט זיך פאר ר' מתתיהו'ן אוועקגעשטעלט אין

### „יעוואַנגעליום“.

און ווען דיין רעכטע אויג שטרויכעלט דיך, שטעך זי אויס און וואַרף

„תורת היהודים“.

אלע זייטען, וואוהין ער האט זיינע אויגען געקעהרט, אום זי זאל איהם ברייגנען צו א זינד, האט ער גענומען א ברענענדיגען צוויאק, און האט זיך זיינע אויגען אויסגעברענט.

(מד׳ עשרת הדב׳).

נחום „איש־גם־זו“ האט געבעטען ביי גאט, אז ער זאל ווערען בלינד און זאל פערליערען הענד און פיס, ווייל ער האט איינמאל געהייסען אן ארימאן ווארטען, ביז ער וועט זיין אייזעל אויסשפאנען, וועט ער נאכהער איהם געבען עסען. דער ארימאן איז אבער באלד געשטארבען. (תענית כ״א).

„יעוואנגעליום“.

זי פון זיך אוועק, און ווען דיין רעכטע האנד שטרויכעלט דיך, האק זי אפ און ווארף זי אוועק; ווארום עס איז בעסער דו זאלסט איינעם פון דיינע גליעדער פארליערען, און דיין גאנצער קערפער זאל אין גיהינום ניט אריינפאלען. (מת׳ ה׳ 29—30).

ח.

„תורת היהודים“.

איהר זייט קינדער צו גאט אייער הארר (דברים י״ד א׳) ווארום, אז איהר וועט אפהיטען דאס געבאט, וואס איך היים אייך צו טהאן: ליעב האבען דעם בעשעפער אייער גאט און צו געהן אין זיינע וועגען (י״א 22). די זיינען גאט׳ס וועגען: ער איז א דערבארמדיגער; א לייטזעליגער; פערלענגערט זיין צארען; איז פיעל־גענאדיג און פערגיט די שולד. אזוי ווי ער פיהרט זיך, אזוי זאלסט דו זיך אויך פיהרען מיט אלע מענשען (ספרי דברים שם).

גאט אליין בעדיענט אלע זיינע בעשעפענים און גיט זיי אלע זייער בעדערפנים. ניט נאר פאר די צדיקים, נאר אפילו פאר די רשעים.

(מכלת בשלח פ״ א׳).

זיי גאנץ מיט דעם בעשעפער, דיין גאט; ווען דו ביזט גאנץ, ביזטו אין איינעם מיט דיין בעשעפער (ספ׳ דבר׳ י״ח, 13).

„יעוואנגעליום“.

קינדער זייט איהר צו אייער פאטער אין הימעל; ווארום ער הייסט דער זון זי זאל לייכטען אויף גוטע און שלעכטע, און ער שיקט רעגען צו גוטע און שלעכטע, — דערום זאלט איהר גאנץ זיין אזוי ווי אייער פאטער אין הימעל (מת׳ ה׳ 45—48).

ט.

„תורת היהודים“.

„געבען זאלסטו איהם, עס זאל זיין צווישען פיער אויגען. א פערבארגענע לשכה איז אין ירושלים געווען. די גאטספארכטיגע האבען אהין שטילערהייד געגעבען און שטילער־

„יעוואנגעליום“.

זעהט איהר זאלט ניט טהאן אייערע גוטע מעשים פאר מענשען, בכדי זיי זאלען זעהען; ווארום איהר פארליערט דעם שכר פון אייער פאטער אין הימעל. זאל אייערע חסדים

## „תורת היהודים“.

היידן האט מען פון דארט איידעלע ארימע לייט געשפייזט.
(ספרי דברים ט"ו).

יעדער וואס גיט פערבארגענער־היידן צדקה, איז ער גרעסער פון משה רבנו: משה רבנו האט געזאגט: איך האב מורא פאר דעם צארען". וועגען פערבארגענע צדקה שטעהט: „פער־בארגענע גאב שטילט איין דעם צארען" (ב"ב ט').

## „יעוואנגעליום“.

פארבארגען זיין, און דער פאטער, וואס זעהט פערבארגענעס, וועט דיר בעצאהלען אפענערהייד. (מת' ו' 1—4).

## י.

## „תורת היהודים“.

א נארישער חסיד, א קלוגער רשע, א פרוי א פרוש'טע און פרושים־שלעק זיינען ניט פאר דער וועלט. זיבען מינים פרושים זיינען פאראן: א פרוש „שכמי“, דאס מיינט פרושים וואס אזוי ווי שכם האט זיך וועגען דינה'ן מל געווען; אזוי זיינען זיי פרושים צוליעב שכר; ב. פרוש „נקפי“: א פרוש וואס געהט לאנג־זאם און צוקלאפט זיך די פינגער פון פוס, בכדי מען זאל מיינען, אז ער איז ביי זיך ניעדריג און בעשיידען; ג. פרוש „קוזאי“: א פרוש וואס מאכט צו די אויגען, כדי ער זאל אויף קיין פרויען ניט קוקען און שלאגט דארום זיך אן קאפ אן וואנד ביז בלוט; ד. פרוש „מדוכיא“, א פרוש וואס געהט איינגעבויגען, אזוי ווי א פערשטויסענער; ה. פרוש מה תו חובתי ואעשנה; א פרוש מיט דער פראגע: וואס דארף איך נאך טהאן? וועל איך טהאן, ווי איינער רעדט: כ'האב שוין אלע מצוות מקים געווען; ו. פרוש מאהבה: א פרוש אוים ליעבע, דער גאנצער תכלית פון דעם איז, צו קריעגען גן־עדן; ז. פרוש מיראה: א פרוש אוים מורא פון גהינם־שטראף. די אלע זיינען שעדליך פאר דער וועלט (סוטה כב). דער אמת'ר פרוש איז, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט: „וואויל איז דער מענש, וואס האט מורא פאר גאט און זיינע מצוות גלוסט ער זעהר" — אבער ניט דעם שכר פאר זיי (ע"ז יט.); ווייל ס'איז ניט פאראן קיין גרעסערער שכר אויף דער וועלט ווי עס איז די מצוה אליין; דאס פערגניגען וואס דער מענש האט, ווען ער טהוט זיין ווילען און עס איז ניט פאראן קיין ערגערע שטראף אויף דער וועלט ווי די עבירה אליין; אזוי ווי די תורה זאגט: זעה! איך האב דיר געגעבען דאס לעבען און דאס גוטעס; דעם טויט און דאס שלעכטעס; — זעה! איך גיב דיר

## „יעוואנגעליום“.

אז איהר וועט דאווענען, זעהט איהר זאלט ניט, אזוי ווי די הייכלער זיין, וואס ליעבען שטעהן אין שולען, אויף די גאסען, אויגען זאלען זעהען זיי. קלאהר זאג איך אייך: זיי האבען שוין זייער שכר ערהאלטען. דו, אז דו דאווענען ווילסט, קום אריין, שלים צו די טהיר און בעט פון דיין פאטער, וואס אין הימעל איז פער־בארגען, דיין פאטער, וואס פערבאר־גענס זעהט, וועט דיך וויסענדיג פאר אלע מאכען. (מת' ו' 5—6).

היינט די ברכה און די קללה. די ברכה — ווען איהר וועט הערען דעם געבאָט פון דעם בעשאַפער, אייער גאָט, און די קללה — אויב איהר וועט ניט הערען די מצוות פון דעם בעשאַפער, אייער גאָט (דברים ל, טו; י"א, כז—כח).

דוד המלך זאגט: עס איז בעסער די תורה פון דיין מויל, ווי טויזענדער פון גאָלד און זילבער (תהלים קי"ט, 72); דעם בעשאַפערס תורה איז וואָר־הייט, זי דערקוויקט די זעעלע; דעם בעשאַפערס עדות איז באגלויבט, זי מאַכט קלוג די נאַרען; דעם בעשאַפערס מצוות זיינען קלאָהר, זיי דערלייכטען די אויגען; דעם בעשאַפער'ס משפטים זיינען אמת, זיי אַלע אינאיינעם זיינען ריכטיג. פון גאלד און פון גין־גאלד זיינען זיי גליסטיגער. זיסער פון האָניג און פון זיסע טריפען (—יט, 8—12).

איין שעה פון מצוות און גוטע מעשים אויף דער וועלט איז בעסער פון גאַנץ עולם הבא (אבות ד' מ' 18). ווייל דער שכר פון דער מצוה איז די מצוה אליין און דער עונש פיר דער עבירה איז די עבירה אליין.

אנטיגנוס איש סוכו זאגט: איהר זאָלט ניט זיין ווי קנעכט, וועלכע דיענען זייער האַר נור צוליעב לוין, נאָר אַזוי ווי די קנעכט וואס דיענען דעם האַר ניט צוליעב לוין; און זאָל די פורכט פון הימעל זיין אויף אייך... (פרקי אבות). פון די אַלע ענינים זעהען מיר אין יעוואַנגעליום ניט קיין וואָרט.

דער תלמוד זאגט: „פורכט זיך ניט פאַר די פרושים, פורכט זיך ניט פאַר די צדוקים, נאָר פאַר די וואס גלייכען זיך צו פרושים, וועלכע טהוען זמרי'ס מעשים און בעטען פנחס'עס בעלוינונג" (סוטה כ"ב).

דער תלמוד האָט, אלזאָ, אליין נאָך פיעל שווערער פעראורטהיילט די פאַלשע פרושים, איידער דאָס האָט געטהאָן ישו. דער תלמוד האָט פעררעכענט דעם פרוש וואס זאגט: „וואס נאָך דאַרף איך טהאָן, וועל איך טהאָן" (ה') אלס אזעלכען, וואס פאַסט ניט פאַר דער וועלט, ווערהרענד ווען דער יונג האָט ישו'ן געזאָגט: „איך האָב אַלץ געטהאָן. וואס פעהלט מיר נאָך?" האָט איהם ישו ליעב געקראָגען. מיר זעהען אָבער דאָ אויך, אז דער תלמוד האָט רעכט געהאט: דען דער יונג, ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט איהם פער־קלעמט דאָס הארץ און ער איז אוועקגעגאנגען; ישו זאָגט אויף די פאַלשע פרושים, אז זיי האָבען שוין זייער שכר ערהאַלטען און דער תלמוד זאגט: זיי פאַסען ניט פאַר דער וועלט (מת' י"ט 20; מר' י' 21).

### יא.

#### „תורת היהודים".

שטענדיג זאָלען דיינע רייד פאַר גאָט זיין, וואס ווייניגער, אַזוי ווי שלמה המלך זאגט: דיין מויל זאָל זיך ניט היילען און דיין הארץ זאָל זיך ניט כאַפּען פאַר גאָט א וואָרט צו ריידען; ווארום גאָט איז אויף

#### „יעוואַנגעליום".

און אז איהר וועט דאווגען, זאָלט איהר פיעל ניט ריידען, אַזוי ווי די היידען, וואס מיינען, אז דורך פיעל ריידען ווערט מען געהערט.

(מת' ו, 7).

דעם הימעל, און דו ביזט אויף דער ערד. בעססער איז, דו זאלסט וואָס וועניגער ריידען (ברכות ס"א).

ישו אליין האָט אַ גאַנצע נאַכט געדאַוועַנט (לוק' ו', 12).

יב.

„תורת היהודים".

דער יעניגער וואס איז זיך נוקם, און טראָגט אין הארץ די שנאה, געדענקט איהם גאָט זיינע זינד. פערטראַג דיין ברודער'ס שולד, ועט גאָט דיין שולד אויך פערטראָגען. זיין חבר'ס שולד גדענקט ער, און פון גאָט בעט ער גנאדע? אויף זיין חבר דערבארימט ער זיך ניט, און פון גאָט בעט ער רחמנות? טראַכט ניט קיין טויט און שלעכטס אויף דיין חבר און היט אָפּ גאָט'ס געבאָט, און, אז דו וועסט זיין געבאָט אָפּהיטען, וועסט דו אלע שולדיגע מענשען מוחל זיין.

(בן סירא כ"ח, 1—8).

„יעוואַנגעליום".

ווארום אז איהר וועט מענשען מוחל זיין זייערע זינד, וועט גאָט אייך אויך מוחל זיין — דאס זעלבע: אויב איהר וועט קיין מענשען ניט מוחל זיין, וועט גאָט אייך אויך ניט מוחל זיין (מת' ו, 14—15).

יג.

„תורת היהודים".

מיט ריינקייט מיינע הענד וואש איך און דיין מזבח רינגעל איך ארום, גאָט (תהלות כ"ו 6). מאַך זיך גרייט פאר דיין גאָט, ישראל; היט אָפּ דיינע פיס, ווען דו געהסט אין גאָט'ס הויז (קהלת ד' 17).

„יעוואַנגעליום".

ווען דו וועסט פאַסטען, שמיר אוים דיין קאָפּ און וואש דיין פנים. (מת' ו, 17).

יד.

„תורת היהודים".

מונבז המלך האָט אלע זיינע אוצרות אין א הונגער־יאָהר צו אָרימע לייט צוטהיילט. זיינע ברידער האָבען איהם געזאָגט: דיינע עלטערען האָבען אוצרות בעהאלטען און האָבען זיי פערגרעסערט, און דו האסט פארניכטעט, אי דיינע אייגענע אוצרות, אי דיינע עלטערען'ס אוצרות! ער האָט זיי געענטפערט: מיינע עלטערען האָבען בעהאלטען אונטען אוצרות, אבער איך האָב זיי פון אויבען בעהאלטען; מיינע עלטערען האָבען בעהאלטען דאָרט, וואו דעם מענשענ'ס האנד קאן געוועלטיגען, איך אָבער האָב בעהאלטען דאָרט, וואו קיין מענשענ'ס האנד קאָן ניט געוועלטיגען... מיינע עלטערען האָבען בעהאלטען א זאך, וואס טראָגט קיין פרוכט ניט, איך אָבער האָב בעהאלטען די זאך, וואס ברענגט פרוכט... מיינע

„יעוואַנגעליום".

איהר זאלט זיך אין דער ערד קיין אוצרות ניט בעהאלטען, וואו ווערים און פוילקייט וועלען זיי פארניכטען, און גנבים וועלען זיי ארויס'גנב'ענען; ווארום דארט וואו עס זיינען אייערע אוצרות, איז אויך אייער הארץ.

(מת' ו, 20—21).

עלטערען האָבען געלד בעהאַלטען און איך — נפשות ; מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען פאר אנדערע, אבער איך — פאר זיך אליין ; מיינע עלטערען האָבען אויף דער וועלט בעהאַלטען, איך אָבער האָב בעהאַלטען אויף יענער וועלט (ב"ב יא.).

## טו.

### „תורת היהודים".

זינגט צו דעם באשעפער מיט ליוב, שפּיעלט צו אונזער גאָט מיט א פיעדעל, וואס ער באדעקט מיט וואָל־קענס די הימלען, וואס ער באשענקט דער ערד מיט רעגען, וואס ער באַ־שפּראָצט די בערג מיט גראָז, דער בהמה גיט ער איהר ברויט, צו דער רויבם־פויגעל, וועלכע רופען : ניט דעם פערד'ס גבורה איז זיין ווילען ; ניט דעם מענשען'ס לענדען באגערט ער. דער בעשעפער באגערט זיינע פארכטיגע לייט, וואס האָפען צו זיין גענאָד. (תהל' קמ"ז 6—11).

געה צו דער מילב, פוילער, זעה איהרע וועגען און ווער קלוג, זי האָט ניט קיין שוטר, קיין הארר, זומער גרייט זי אָן איהר ברויט, אין שניט־צייט זאמעלט זי איהרע עסען (מש' ו, 6—8).

אליהו בן ברכאל הבוזי ווייזט איוב'ען די השגחה פון גאָט אויף אלע בעשעפעניסען, און ער זאָגט : „מיר לערנען זיך פון די ערד— בהמות און די פויגלען פון הימעל מאַכען אונז קלוג". אויך גאָט אליין איז מודיע איוב'ן, ווי וואונדערבאר עס איז זיין השגחה אויף גאר דער וועלט : דאָס ליכטינקייט, דאָס פינסטערניש, דער ווינט, די וואָלקענס, דער רעגען, דער שנעע, די שטע־רען אין זייער גאנג, די גרויסע באשעפענים פון דער יבשה און פון דעם ים — אויף אלע אינאיינעם און אויף יעדער בעזונדער, פון דער גרויסער זון אין הימעל ביז דעם קליינעם וואָרעם אונטער דעם שטיין, שיינט זיין השגחה, און ער גיט זיי אלעם, וואס זיי ברויכען, פיעל מעהר פון זיי האלט ער אָפּען זיין אויג אויף דעם מענשען, דעם אויסדערוועהלטען און די קרוין פון זיי אלע (איוב ל"ח, מא.). ר' שמעון בן אלעזר זאָגט : צייט איך לעב האָב איך ניט געזעהען א הירש (א גרינגער לויפער) זאָל היטען, א לייב (דער גבור) זאָל

### „יעוואנגעליום".

איהר זאלט וועגען אייער זעעלע ניט זאָרגען, וואס וועט איהר עסען, וואָס וועט איהר טרינקען, און אויך ניט וועגען אייער גוף, וואָס וועט ער זיך אָנקליידען ? אייער זעעלע איז טייערער פון עסען, און דער גוף פון קליידונג. קוקט אויף די פויגלען פון הימעל, זיי זעען ניט, זיי שניידען ניט און זאמלען ניט אין שאיער, און אייער פאָטער אין הימעל שפּייזט זיי. זייט איהר דען ניט מעהר ווערט איי־דער זיי ? אויך פאר אייערע קליידער וואָס האָט איהר צו זאָרגען ? קוקט אויף דער רויז אין פעלד וואס וואקסט, זי ארבייט ניט, זי שפּינט ניט. איך זאָג אייך, אז שלמה מיט גאָר זיין פּראכט איז ניט געוועזען בע־קליידט, אזוי ווי איינע פון זיי. ווען גראָז פון דעם פעלד, וואס היינט איז דאָ מאָרגען — אין אויווען — א פּשיטא איהר, קליינגלויביגע ?

(מת' ו, 25—32).

משא טראָגען, א פוקס (א שלויער) זאָל זיין א הענדלער, דאָך ווערען זיי אָהן צער געשפייזט, און זיי אַלע זיינען דאָך נאָר צוליעב מיר בעשאַפען גע־וואָרען, און ווען זיי, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען מיך צו בעדיענען, שפייזען זיך אָהן צער, וואלט איך געוויס אָהן צער מיין שפייז בעדארפט בע־קומען. איך האָב אָבער זיך שלעכט בעגאַנגען און האָב מיין פרנסה אנגעוואָ־רען. (קידושין פ"ב).

גוטע מדות קענען מיר אויך פון די חיות זיך לערנען: ריינקייט — פון א קאַץ; גזל — פון א מילב; עריות — פון א טויב (עירובין ק').

## טז.

### „תורת היהודים".

„איך מאַך אייך רעגענען ברויט פון הימעל טאָג־טעגליך". דער, וואס האָט דעם טאָג בעשאַפען, בעשאַפט אויך זיין פרנסה. דער, וואס האָט היינט עסען און זאָרגט פאַר מאָרגען, האָט ער קיין אמונה ניט (מכלת בשלח); זאָרג זיך ניט מאָרגענדיגע זאָרג, ווייל דו ווייסט ניט, וואס קאָן היינט זיין. אפשר וועסט דו שוין ניט זיין מאָרגען, האסט דו פאר א פרעמדער וועלט זיך געזאָרגט (בן סירא, סנהד' ק').

### „יעוואַנגעליום".

פאַר מאָרגען זאָלט איהר ניט זאָרגען, ווארום דער מאָרגען וועט אַליין פאַר זיך זאָרגען. גענוג פאַר יע־דען טאָג זיינע זאָרגען (מת' ו, 34).

## יז.

### „תורת היהודים".

ווארום מיט דער זאַך, וואס זיי האָבען זיי באַטריבט „מיט דעם, וואָס די מצרים האָבען געדעכענט די אי־דען צו פערניכטען, זיינען זיי בע־צאָהלט געוואָרען" (מכלת' יתרו).

דער וואָס גראָבט אַ גרוב, וועט אריינפאַלען אין איהר; דער וואָס ווארפט א שטיין, וועט ער אויף איהם פאַלען (משלי כו, 27).

א גרוב האָט ער געגראָבען און איז אין איהם אריינגעפאַלען. אין פערדארבונג פון זיין ארבייט. זיין פעלשען רוהט אויף זיין קאָפּ, און אויף זיין שטערען נידערט זיין רויב (תהל' ז').

ער האָט אויך געזעהען א קאָפּ שווימען אויפ'ן וואסער. ער האָט איהם געזאגט: ווייל דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען. און די, וועלכע האָבען דיך צרטרונקען, וועלען אַליין דערטרונקען ווערען. (אבות פ' ב', מ' ז'); מיט צדק זאָלסט דו דיין חבר משפט'ן", יעדען מענשען משפט אויף דער גוטער זייט (שבועות, ל'; אבות פ' א', מ"ו); מיט דער מאָס, וואָס דער מענש מעסט, מעסט מען איהם (סוטה, י').

### „יעוואַנגעליום".

משפט ניט דעם צווייטען וועסטו אַליין ניט גע'משפט ווערען; ווארום אזוי ווי איהר משפט דעם צווייטען, אזוי וועט איהר אַליין גע'משפט ווע־רען. מאַכט גערעכט דעם צווייטען, וועט מען אייך אויך גערעכט מאַכען (מת' ז, 1—2), ווארום מיט דער מאָס וואָס איהר מעסט, וועט מען אייך מעסטען (לוק' ו, 38).

## יח.

### „תורת היהודים“.

ר׳ טרפון זאָגט: איך בין מסופק, אויב עס זיינען דאָ מענשען אין אונזער דור, וואָס וועלען אויף זיך אַ שטראָף נעהמען: ווארום אויב ער זאָגט איהם: „נעהם דיין שפּענדעל פון דיין אויג ארויס, ענטפערט ער: נעהם דעם באַלקען פון דיין אויג ארויס (ספרא ויקרא); ציירט זיך זעלבסט און ציירט יענעם (צפניה ב׳ א׳); פריהער ציירט זיך אליין און נאַכהער ציירט אנדערע. איידער דו היילסט יענעם — הייל זיך פריהער אליין; איידער דו לערנסט דעם צווייטען, לערען זיך אליין; איידער דו שטראָפסט דעם צווייטען, שטראָף זיך אַליין. (בן סירא י״ח, 18).

### „יעוואַנגעליום“.

וואָרום זעהסטו דעם שפּענדעל אין דיין חבר׳ס אויג און זעהסט ניט דעם באַלקען אין דיין אויג? חונף! נעהם פריהער ארויס פון דיין אויג דעם באַלקען, נאַכהער וועסטו זעהען, ווי אזוי ארויסצונעהמען דעם שפּענדעל פון דיין חבר׳ס אויג (מת׳ ז׳ 3-5)

## יט.

### „תורת היהודים“.

אַלעס וואָס איך פארבאָט אייך, זאָלט איהר אָפּהיטען צו טהאָן. זאָלסט ניט צוגעבען און זאָלסט נישט מינערען. אויב עס וועט אויפשטעהן צווישען דיר א נביא, און וועט דיר א צייכען אָדער א וואונדער בעווייזען, און עס וועט זיין דער צייכען אָדער דער וואונדער אזוי ווי ער האָט געזאגט, און ער וועט דיר זאָגען: מיר זאָלען נאָך פרעמדע געטער געהן, וועלכע איהר ווייסט פון זיי ניט, און מיר וועלען זיי דיענען — דו זאלסט צו דעם נביא ניט צוהערען — נאָך דעם בעשאַפער זאָלט איהר געהן און פאר איהם זאלט איהר מורא האָבען, זיינע מצוות זאָלט איהר אָפּהיטען, און זיין קול זאָלט איהר הערען, איהם זאָלט איהר דיענען און אן איהם זאָלט איהר זיך בעהעפטען (דברים י״ג, 1—6).

### „יעוואַנגעליום“.

היט זיך אָפּ פון די פאַלשע נביאים וועלכע קומען צו אייך אין איין שעפּשען־פּעל און אינוועניג זיינען זיי זינדיגע וועלף, נאָך זייער פרוכט נאָך וועלען זיי אייך בעוואוסט ווערען. (מת׳ ז׳ 15—16).

ישו האָט דאָ צופיעל מקצר געווען. ער האָט ניט ערקלעהרט, ווי אזוי מען קען ויסען, ווער עס איז א פאַלשער נביא? עס איז גאר ווייניג, וואס ער האָט געזאגט: „דורך זייערע פרוכט וועט איהר זיי דערקאָנען“, ווארום אין אלע צייטען זיינען פאראנען „נאַרען“, וואס ווייסען ניט קיין תורה, „רשעים“ וואס פערבייטען שלעכטס אויף גוטס און גוטס אויף שלעכטס. ישו אליין האָט אויך געזאגט, אז עס וועלען פאַלשע משיחים אויפשטעהן און וועלען דורך זייערע מופתים די אויסדערוועהלטע פערפיהרען (מת׳ כ״ד 11, מר׳ י״ג, 22).

עס ווייזט אויס, אז וועגען דעם ענין האָט ער זיך אויף דער תורה פערלאָזט, וואָס זאָגט וועגען דעם אזוי: אויב א דין איז פון דיר פערהוילען —

זאָלסט דו אויפגעהן צו דעם אָרט, וואס גאָט וועט אויסקלייבען, און דו וועסט קומען פאַר די כהנים, די לויים און צו דעם שופט פון יענער צייט און זאָלסט זיי פרעגען, און זיי וועלען דיר זאָגען דעם משפט, און דו זאָלסט טהאָן אזוי ווי זיי וועלען דיר זאָגען — דו זאלסט ניט אָפּקעהרען פון זייערע רייד ניט רעכטס און ניט לינקס" — זיין משפט איז אויך קלאָהר — „און דער נביא אָדער דער בעל־חלום זאָל געטויט ווערען — און שלעכטעס זאָלסט דו אויס־ראָמען פון זיך (דבר' י"ג 2—6, י"ז 8—11).

ישו האָט זיך דאָ בענוצט מיט ערמה פון א גנב, נאָך ויעמען עס יאָגט זיך נאָך א גרויסער עולם; וואָס טהוט דער גנב? ער דרעהט זיך אַריין אין עולם און שרייעט מיט אַלעמען „כאַפּט איהם", „כאַפּט א גנב", ביז עס געלינגט זיך איהם אויסצו־דרעהען פון די נאָכיאָגער. די ערמה קען אָבער נאָר העלפען פאר די זייטיגע מענשען, וועלכע קענען ניט דעם גנב און ווייסען ניט ווער ער איז; אָבער ניט פאר די, וואס קענען דעם גנב, וועלכע האָבען איהם געזעהען בשעת גנבה און געכאַפּט ביי דער האַנד.

דאָס זעלבע: ישו'ס ערמה, וואס ער אליין פערזאָגט: היטען זיך פון פאַל־שע נביאים, פון פאלשע משיחיים — קאן ניט פערפיהרען די מענשען, וואָס ווייסען, אז ער אליין איז געווען א פאלשער נביא, ניט פערפיהרען די אמת'ע ארענטליכע אידען, וואס זעהען, ווי פאלש און שעדליך עס איז זיין לעהרע.

## כ.

### „תורת היהודים".

יעדער, וואס האָט מעשים טובים און לערנט תורה, איז גלייך צו דעם מענשען, וואס בויט זיין הויז: פון הינטען שטיינער און ציגעל פון אויבען, ווען אפילו פיעלע וואסערען וועלען אַנקומען אויף איהם, וועלען זיי איהם פון אָרט ניט ריהרען; יעדער, וואס האָט ניט קיין מעשים טובים און לערנט תורה איז גלייך צו דעם מענשען, וואס בויט זיין הויז פון הינטען ציגעל און שטיינער פון אויבען. אז עס קומט אַן א ביסעל וואסער, קעהרט דאָס איהם איבער.

(אבות דר. נתן, כד).

יעדער, וואס זיין חכמה איז מעהר פון זיינע מעשים, איז ער גלייך צו א בוים מיט פיעל צווייגען און וועניג וואָרצלען, און עס קומט דער ווינד

### „יעוואַנגעליום".

ווער מיינע רייד הערט און איז זיי מקיים, דער איז גלייך צו א חכם, וואס בויט זיין הויז אויף איין שטיין און עס האָט א רעגען געגאָסען, עס האָבען טייכען געפלייצט; עס האָבען ווינטען געשטורעמט אויף דעם הויז. עס איז אָבער ניט אומגעפאַלען, ווייל אויף א שטיין האָט ער עס געבויט; און יעדער, וואס הערט מיינע רייד און איז זיי ניט מקיים, איז גלייך צו א נאַרישען מענשען, וואס האָט זיין הויז אויף זאמד געבויט, און עס האָט א רעגען געגאָסען, עס האָבען פער־פלייצט טייכען, עס האָבען געשטור־רעמט ווינטען אויף דעם הויז און עס איז אומגעפאַלען. שרעקליך איז דער פאַל (מת' ז. 24—27).

און רייסט איהם אויס, און קעהרט איהם איבער אראָפּ מיט זיין פּנים. יעדער אָבער, וואס זיינע מעשים זיינען מעהר פון זיין חכמה, דער איז גלייך צו א בוים, וואס האָט וועניג צווייגען, אבער פיעל וואָרצלען. ווען אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט זאָלען אויף איהם בלאָזען, וועלען זיי איהם פון זיין אָרט ניט ריהרען. (אבות פ' ג').

## כא.

### „תורת היהודים".

דער נאַר גלויבט אלע זאַכען. (משלי י', 15).

די ערמה פון ישו'ם רייד אין דעם פאַל איז אייגענשיינליך. ער וויל מיט דעם ערקלעהרען די פראגע, ווארום נור נאַרען האָבען אין איהם געגלויבט.

### „יעוואַנגעליום".

איך דאנק דיר, מיין פאָטער, דער הארר פון הימעל און ערד, ווייל דו האָסט דאָס פערהיילען פון די אויגען פון די קלוגע און פערשטענדיגע, און דו האסט דאס פאר קליינע קינדער אנטפלעקט (מת' י"א, 25).

## כב.

### „תורת היהודים".

דער געפלאַנצטער בוים ווערט דורך זיינע פרוכטען דערקאַנט, און דער מענש — דורך די רייד פון זיין מויל (בן סירא, כ"ז).

### „יעוואַנגעליום".

דורך זיינע פרוכטען ווערט דער בוים דערקאַנט; פון דעם וואָס דאָס הארץ איז פול, שפּרעכט דאָס מויל. (מת' י"ב, 34).

## כג.

### „תורת היהודים".

טויט און לעבען איז ביי דער צונג אין האנד. (משלי י"ח, 21).

### „יעוואַנגעליום".

ווארום מיט דיינע רייד ווערסטו גערעכט, און מיט דיינע רייד ווערסטו פערשולדיגט (51, דאָרט).

## כד.

### „תורת היהודים".

נויגט אייער אויער און הערט מיין שטימע. פערנעהמט און הערט מיינע רייד: צו דען דעם גאנצען טאָג אַקערט דער אקערמאַן, כדי צו זעען, און גראָבט ער און צוברעקעלט זיין ערד? איז עס ניט אזוי, ווען ער האָט איהר געשטאַלט פערגלייכט, צו־שפּרייט ער אנים־קערנער און ווארפט קימעל; ציילענווייז לעגט

### „יעוואַנגעליום".

און ער האָט זיינע רייד מיט משלים געשפּראָכען און געזאָגט: א זעער איז ארויסגעגאנגען, און ווען ער האָט געזעעט, האָט ער פאר־שפּרייט א ביסעל זריעה ביים וועג, און עס זיינען געקומען פויגלען פון הימעל און האָבען דאָס אויפגעגעסען, און א ביסעל זריעה איז אויף שטיי־נער געפאלען, און עס איז וועניג ערד

## „תורת היהודים“.

ער ווייץ; גערשטען אָפּגעצייכענט; הירז ביי דעם ברעג? ער בעארבייט איהם ווי ריכטיג איז... ווייל — ניט מיט א דרעש־פליגעל דרעשט ער אניס און דעם וואָגען־ראָד דרעהט מען ניט אויף קימעל, נאָר מיט א שטעקען קלאַפּט ער אניס און קימעל מיט א רוט. ברויט, תבואה ווערט געשטויסען, אָבער ניט שטענדיג וועט ער איהם דרעשען, און לאָזט ער אויף איהר דעם וואָגענראָד מיט זיינע רייטער, וועלען זיי זי צושטויסען. דאָס זעלבע איז אויך פון גאָט. וואונדערבאר איז זיין עצה, גרויסארטיג איז זיין תורה (ישעיה כ"ח, 23—29). דער נביא גיט דאָ א משל: אזוי ווי דער זעער צואַקערט און פערגלייכט די ערד, און נאַכהער פארזעעט ער יעדער מין אזוי ווי עס געהערט צו זיין, און נאַכהער בע־ארבייט ער יעדען מין, אזוי ווי מען בעדארף, אזוי אויך פיהרט גאָט זיין וועלט; כדי קיינער זאָל פון איהם ניט פערלאָרען געהן, לויט ישו'ס משל, קומט אויס, אז זעהר פיעל זריעה דארף אומזאָנסט פערלאָרען געהן ביי דעם וועג, אויף שטיינערנע ערד, צווישען דערנער, כדי נור א קליי־נע טהייל זאָל פרוכט בריינגען. דער משל פּאסט זיך גוט אויף ישו'ן אליין, וואָרום ער איז דער ניט־פערשטענדיגער זעער. זעהר ווייניג פון זיין זריעה קען בריינגען נוצען.

ווארום, ניט אזוי ווי מיינע מחשבות, זיינען אייערע מחשבות, און ניט אייערע וועגען זיינען מיינע וועגען, זאָגט גאַט, ווארום, ווי אזוי העכער דער הימעל פון דער ערד איז, אזוי איז העכער מיינע וועגען פון אייערע וועגען, ווארום, אזוי ווי דער רעגען און דער שנעע נידערט פון הימעל, און וועט זיך ניט קערען צוריק, סיידען ער וועט די ערד אָנזאטען, און זי וועט געבוירען און מאַכען שפּראָצען, און וועט געבען אויף זריעה און אויף עסען ברויט, אזוי וועלען מיינע רייד, וואס פון מיין מויל געהען ארויס, זיך צו מיר ליידיג ניט אומקעהרען. נאָר זיי וועלען אויספיהרען, וואס איך האָב געוואָלט און וועלען בעגליקען דעם, וואס איך האָב זיי געשיקט" (ישעיה, נ"ה, 8—11). דאָס פּאַסט זיך מיט רעכט אויף תורת־משה.

## „יעוואַנגעליום“.

געוועזן, עס האָט אויף גיך אויסגע־שפּראָצט, ווייל די ערד איז ניט טיעף געוועזן. ווען די זון האָט געשיינט, און עס איז צוברענט געוואָרען, אזוי ווי זיי האָבען קיין ווארצעל פון אונטען ניט געהאט, זיינען זיי פערטריקענט געוואָרען. א ביסעל זריעה איז אויף דערנער געפאלען, די דערנער זיינען אויפגעוואקסען און האָבען זיי צו־דריקט. א ביסעל איז אויף גוטע ערד געפאַלען און עס האָט תבואה גע־בראַכט, אייניגע הונדערט מאָל אזוי פיעל, אנדערע זעכציג מאָל אזוי פיעל און אנדערע דרייסיג מאָל. ווער עס האָט אויערען צו הערען, זאָל ער הע־רען.

(מת' י"ג, 3—9).

## כה.

### „תורת היהודים".

וואס זאל א מענש טהאן. ער זאל לעבען? — ער זאל זיך אפגעוואוינען פון לוקסוס; וואס זאל א מענש טהאן, ער זאל שטארבען? — ער זאל זיך צוגעוואוינען צו לוקסוס. (תמיד ל"ב).

### „יעוואנגעליום".

ווארום, ווער עס וויל זיין זעעלע מציל זיין, ווערט זי פון איהם פערשניטען, און דער, וואס פערשניידט זיין זעעלע צוליעב מיר (זיין בעקאנטער עגאאיזם.—ב. ב), וועט ער זי געפינען. (מת' ט"ז, 25).

## כו.

### „תורת היהודים".

עס שטעהט אין פסוק: שטראפען — שטראף דיין חבר און טראג ניט די זינד צוליעב איהם; דאס לערנט אונז די תורה, אז דו זאלסט איהם פיעל מאל שטראפען, אויב ער וויל דיך ניט הערען. דו זאלסט איהם אבער ניט פארשעהמען פאר מענשען. זעה, דו זאלסט ניט טראגען א שולד צוליעב איהם, וויל, דער וואס איז מביש דעם חבר פאר לייט, האט ניט קיין חלק עולם הבא (ויקרא י"ט, 17; ערכין, ט"ז, 2; ב"מ נ"ח, נ"ט).

### „יעוואנגעליום".

אויב דיין ברודער וועט אנטקעגען דיר זינדיגען, זאלסטו איהם שטראפען, נאר צווישען אייך אליין. אז ער וועט דיינע רייד פערנעהמען, האסטו דיין ברודער גערעטעט. ווען אבער ער וועט דיך ניט הערען, נעהם צו זיך נאך איינעם אדער צוויי עדות. ווארום דורך צוויי אדער דריי עדות ווערט יעדע זאך בעשטימט. אויב ער וועט זיי ניט וועלען הערען, זאל ער דיר זיין אזוי ווי א גוי און א מוכס. (מת' י"ח, 15—17).

קום און זעה דעם אונטערשיעד פון די פרושים ביז ישו'ן. די פרושים האבען פון דער תורה אפגעלערנט, אז מען טאר ניט פארשעהמען דעם זינדיגען. ישו אבער האט געזאגט, אז ווען אפילו ער האט נאר אנטקעגען א י ה ם א ל י י ן געזינדיגט, זאל ער איהם מבייש זיין פאר מענשען און זאל איהם פאררעכענען אזוי ווי א גוי און א מוכס. ווי נעפעהלט אייך דער יושר? פולוס, זיין תלמיד איז, ווי אלע מאל, אויך ניט בעסער פון זיין רבי. ער שרייבט: און די וואס האבען געזינדיגט, שטראף זיי פאר אלעמען (טימות ה', 20).

## כז.

### „תורת היהודים".

ווען צוויי זיצען און לערנען, איז מיט זיי די שכינה, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: ווען די גאטס-פארכטיגע ריידען איינער צום אנדערען, פארנעהמט גאט און הערט, און פארשרייבט ביי זיך אין דענק-בוך, פאר

### „יעוואנגעליום".

ווען צוויי פון אייך וועלען זיך צוליעב מיר פערזאמלען, — אלעס, וואס זיי וועלען בעטען וועט מיין פאטער אין הימעל זיי געבען; ווארום, אין יעדען ארט וואו צוויי אדער דריי וועלען זיך אין מיין נאמען פער-

„תורת היהודים“.

די גאטס־פארכטיגע און פאר די, וואס זיין נאמען עהרען. פון וואנען איז אבער גערדרונגען, אז ווען איינער אפילו לערנט, איז מיט איהם די שכינה? שטעהט אין פסוק: אין יעדען ארט, וואו עס ווערט מיין נאמען דערמאהנט, וועל איך קומען צו דיר און וועל דיר בענשען. דער פסוק רעדט בלשון יחיד, וואס דאס בעווייזט, אז אפילו איינער נור לערנט, איז אויך מיט איהם די שכינה. (אבות פ"ג מ' ב" ו").

„יעוואנגעליום“.

זאמלען, וועל איך זיין דארט צווישען זיי (—19, 20).

## כח.

„תורת היהודים“.

פון די מיילער פון קינדער און זויגעדיגע האסט די שטארקייט גע־גרינדעט. (תהלות ח' 3).

„יעוואנגעליום“.

לאזט צו די קינדער, פארמיידט זיי ניט פון קומען צו מיר; ווארום פון זיי קומט דאס הימעל־רייך. (מת' י"ט, 14).

## כט.

„תורת היהודים“.

אז רבי בון איז געשטארבען (יונג) האט רבי זירא איהם מיט דעם פסוק בעקלאגט: ס'איז זיס דעם ארביי־טער'ס שלאף. למה הדבר דומה? עס איז גלייך צו א מלך, וואס האט אר־בייטער געדונגען פיר זיין וויינגאר־טען. איינער פון זיי האט פיעל פלייי־סיגער פון אלעמען געארבייט. דער מלך האט איהם פיר זיין האנד גע־נומען און האט זיך מיט איהם דורכ־געשפאציערט. אבענד־צייט זיינען די ארבייטער זייער שכר געקומען נעה־מען. יענער איז אויך מיט זיי גע־קומען און האט דעם גאנצען שכר גע־קראגען. די ארבייטער האט עס פער־דראסען און זיי האבען געזאגט: מיר האבען דעם גאנצען טאג שווער גע־ארבייט, און דער — נאר צוויי שעה און דער מלך האט איהם דעם גאנצען שכר בעצאהלט. דער מלך האט זיי געענטפערט: וואס פערדריסט עס

„יעוואנגעליום“.

ווארום דאס הימעל־רייך איז גלייך צו א בעל־הבית, וואס איז ארויסגעגאנגען אין פריה־מארגען צו דינגען ארבייטער פאר זיין וויינגאר־טען און לוין האט ער זיי פערשפרא־כען א שקל א טאג, און האט זיי אין וויינגארטען געשיקט. ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין דער דריטער שעה און האט געזעהען נאך מענשען, וועלכע שטעהען לעדיג אין מארק, און ער האט זיי געזאגט: געהט איהר אויך צו מיין וויינגארטען, און איך וועל אייער שכר ריכטיג געבען, און זיי זיינען געגאנגען. און ער איז אין דער זעקסטער שעה נאכאמאל ארויס־געגאנגען, און אין דער נייענטער — נאכאמאהל און האט דאס זעלבע גע־טהאן. אויף דער עלפטער שעה איז ער ארויס און האט געפונען אנדערע שטעהען, און ער האט זיי געזאגט: ווארום שטעהט איהר דעם גאנצען

## „תורת היהודים".

אייך? דער האָט דאָך אין די צוויי שעה מעהר געטהאָן ווי איהר אין דעם גאנצען טאָג, אזוי אויך רבי בון האָט אין זיינע אכט און צוואנציג יאָהר מעהר געלערנט ווי א צווייטער אין הונדערט יאָהר.

(מד' קהלת פ' ה', 18).

## „יעוואַנגעליום".

טאָג דאָ? זיי האָבען געענטפערט: ווייל קיין מענש האָט אונז ניט גע־דונגען. ער האָט זיי געזאָגט: געהט אויך צו מיין וויין־גאָרטען. אין אבענד האָט דער האַרר זיין בעדיע־נער געזאגט: רוף די ארבייטער און גיב זיי זייער שכר. הויב אָן פון די לעצטע ביז די ערשטע. די וואָס האָ־בען זיך פארדונגען אום עלף אוהר האָבען יעדער א שקל געקראָגען. און די ערשטע, וואס זיינען געקומען פריהער און האָבען געמיינט אז זיי וועלען קריעגען מעהר, האָבען אויך נור א שקל געקראָגען. זיי האָבען דעם שקל צוגע־נומען, נאָר זיי האָבען זיך געקריעגט מיט דעם האַרר און געזאָגט: די לעצטע האָבען בלויז א שעה געארבייט און דו פערגלייכסט זיי מיט אונז, וועלכע האָבען געליטען די שווערקייט פון טאָג און די היץ. און דער האַרר האָט איי־נעם פון זיי געענטפערט: מיין פריינד, איך האָב דיך ניט בעטריגט, האָב איך דען דיך ניט פאר א שקל בעדונגען? נעהם דיינעס און געה, און איך וועל געבען דעם לעצטען דאָס זעלבע וואס דיר. קען איך דען מיט דאָס מיי־ניגע ניט טהאָן אזוי ווי מיין האַרץ באגערט? אָדער איז דיין אויג שלעכט, וואס איך בין איין גוטער? — אזוי וועלען די הינטערשטע זיין די ערשטע, און די ערשטע — די הינטערשטע (מת' כ' 1—16).

* * *

אין דעם משל פון מדרש האָט דער מלך די ארבייטער קלאָהר געמאכט דעם טעם: ער האָט ניט געצאָהלט פאר דער צייט, נאָר פאר דער ארבייט, און דער וואס האָט אין צוויי שטונדען אויפגעטהאָן וויפיעל אנדערע פאר א טאָג, זאל קריעגען אזוי פיעל, וויפיעל אנדערע פאר א טאָג; אָבער אין ישו'ס משל: ווארום איז דער האַרר ווירקליך בעסער צו די לעצטע ווי צו די ערשטע? און די קשיא איז ניט, ווארום איז ער גוט צו די לעצטע, נאָר ווארום איז ער ניט גוט צו די ערשטע?

## ל.

## „תורת היהודים".

מיר האָבען געלערנט: „איין טאָג פאר דיין טויט קעהר זיך אום צו גאָט" די תלמידים האָבען ר' אליעזר'ן געפרעגט: ווייסט דען א מענש ווען ער וועט שטארבען? און ער האָט

## „יעוואַנגעליום".

די הימעל־רייך איז גלייך צו א מלך, וואס האָט חתונה געמאכט זיין זוהן און ער האָט זיינע בעדיענער גע־שיקט איינלאַדען געסט צו דער סעודה און זיי האָבען ניט געוואָלט

## „תורת היהודים“.

זיי געענטפערט: נאָך בעסער. זאָל ער היינט תשובה טהאָן, טאָמער שטאַרבט ער מאָרגען. וועט ער אלע זיינע טעג תשובה טהאָן. און אזוי האָט שלמה קלוג געזאגט: אין אלע צייטען זאָלען דיינע קליידער ווייס זיין, און אויף דיין קאָפּ זאָל קיין בוימאויל ניט פעהלען.

ר' יוחנן בן זכאי האָט געזאגט: משל, צו וואס איז דאָס גלייך, צו א מלך, וואס האָט זיינע קנעכט געלאַדען אויף א מאָהלצייט און האָט קיין צייט ניט בעשטימט. די קלוגע האָבען זיך אויסגעפּוצט און זיך ביי דער טהיר פון מלך געזעצט. זיי האָבען זיך געטראַכט: פעהלט דען עפּעס ביי דעם מלך אין הויז? די נאַרען זיינען צו זייער ארבייט געגאַנגען. זיי האָבען געטראַכט: איז דען מעגליך א מאָהלצייט אהן צוגרייטונג? פּלוצלונג האָט דער מלך זיינע קנעכט גערופען. די קלוגע זיינען אריין פאַר דעם מלך פאַרפּוצטע, און די נאַרען — איינגעריכטע. דער מלך האָט זיך מיט די קלוגע געפרעהט און געצאָרענט אויף די נאַרען. ער האָט געזאָגט: די פאַרפּוצטע זאָלען זיך זעצען, עסען און טרינקען, און די איינגעריכטע זאָלען שטעהן און קוקען אזוי ווי דער פסוק זאָגט: אזוי זאָגט גאָט: מיינע קנעכט וועלען עסען, און איהר וועט זיין הונגעריג; מיינע קנעכט וועלען טרינקען, און איהר וועט דורשטען; מיינע קנעכט וועלען פון גוטען הארצען זינגען, און איהר וועט פון א פערוועהטאָגט הארץ שרייען. (שבת קנ"ז).

## „יעוואַנגעליום“.

קומען. ער האָט נאָך אנדערע בעדיענער געשיקט זיי זאָגען: איך האָב די סעודה אָנגעגרייט, די אָקסען און פעטע קיה זיינען געשאָכטען, אלעס איז פאַרטיג, קומט צו דער סעודה. זיי האָבען אָבער קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט און זיינען געגאַנגען, דער צו זיין פעלד, דער צו זיין וויינגאָרטען. און די איבריגע האָבען זיינע בעדיענער געכאַפּט און שלעכט בעהאנדעלט, און האָבען זיי גע'הרג'עט. דער מלך איז אין כעס געוואָרען. ער האָט זיין חייל געשיקט און האָט די רוצחים אומגעבראַכט און זייער שטאָדט פערברענט. נאָכהער האָט ער זיינע בעדיענער געזאָגט: די חתונה איז גרייט. קיין געסט זיינען ניטאָ. געהט אויף אלע וועגען, וועמען איהר וועט געפינען, רופט אויף דער סעודה. זיי זיינען ארויס אויף אלע וועגען און האָבען געפונען גוטע און שלעכטע. און דאָס הויז פון דער חתונה איז פול געוואָרען מיט געסט. אז דער מלך איז אריינגעקומען זעהען זיי, האָט ער דערזעהען א מאַן, וואס איז ניט געווען געקליידעט אין חתונה־קליידער, און ער האָט געשוויעגען. האָט דער מלך זיינע בעדיענער געזאָגט: בינדט איהם זיינע הענד און פיס און וואַרפט איהם אריין אין דעם פינסטערען טויטען־אָרט. דאָרט וועט זיין געוויין און ציינען־קריצעניש; ווארום פיעל זיינען די גערופענע און וועניג זיינען די אויסדערוועהלטע.

(מת' כ"ב, 2—14).

## לא.

### „תורת היהודים“.

די גרים זיינען פאר אידען שעד־ליך אזוי ווי קרעץ. ווען איינער וויל זיך מגייר זיין אין היינטיגער צייט, זאָגט מען איהם: וואס האסטו דער־זעהען, וואס דו ווילסט זיך מגייר זיין? ווייסטו דען ניט, אז אידען זיינען אין היינטיגע צייטען דער־שלאָגענע, פארשטויסענע, איבעריגע, פערצוקטע, און יסורים קומען אויף זיי. אויב ער זאָגט: איך ווייס, אז איך בין ניט ווערטה — נעהמט מען איהם באלד אויף, און מען איז איהם מודיע די שטראָף פאר מצוות. מען זאגט איהם: זיי וויסען, אז איידער דו ביסט צו דעם געקומען — האסטו חלב גע־געסען ביסטו ניט בעשטראָפּט געוואָרען; האסט מחלל שבת געווען, ביסטו ניט פארשטיינט געוואָרען. יעצט אָבער: האסטו חלב געגעסען — קומט כרת; האסט שבת פארשוועכט — קומט סקילה (יבמות מ"ז).

### „יעוואַנגעליום“.

וועה איז אייך, סופרים, פרושים, חנפים! איהר געהט ארום איבער דעם ים און יבשה, צו מאַכען א גר, און נאָכדעם מאַכט איהר איהם פיר א בן־גיהנם, צוויי מאָל ערגער נאָך פון אייך (מת' כ"ג, 15).

אזוי אויך זעהען מיר, אז נעמי האָט פון אנהויב ניט געוואָלט צונעהמען רות'ן. זי האָט זי דערווייטערט פון זיך, זי האָט איהר געזאגט: דיין שוועגע־רען האָט זיך צוריק צו איהר פאָלק, צו איהר גאט געקעהרט. געה איהר נאָך; נאָר ווען רות האָט איהר געענטפערט: זאלסט מיך ניט בעטען, איך זאל זיך אָפּקעהרען פון דיר, ווארום — וואוהין דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן; וואו דו וועסט נעכטיגען, וועל איך אויך נעכטיגען; דיין פאָלק איז מיין פאלק; דיין גאָט איז מיין גאָט — זאָל מיר גאט אזוי העלפען, אז נאָר דער טויט וועט אונז צושיידען — ווען זי האָט געזעהען, אז זי עקשנ'ט זיך צו געהן, האָט זי אויפגעהערטריידען צו איהר. קיינמאָל האָבען מיר אין גאנץ תנ"ך און אין תלמוד ניט געפונען קיין שום אנזאָג צו מאכען גרים, אדער אז די פרושים און סופרים האָבען זיך משתדל געווען צו מאכען גרים. פארקעהרט, פון זייערע רייד, וואס איך האָב פריהער געבראכט, זעהען מיר, אז זיי האָבען געוועהרט אנטקעגען די, וואס האָבען גרים געוואָלט מאכען, אזוי ווי הורקנס מיט זיינע חברים.

און נור איין הארצוועהטאָגען געלעכטער רופט ישו מיט זיינע רייד ארויס: ער אליין האָט ארומגערייזט ים און יבשה, כדי גרים צו מאכען פיר זיין נייעם גלויבען, און האָט זיי צוליעב דעם בעפרייעט פון אלע זייערע זינד, און האָט זיי פאר דער אמונה אין איהם נור ווי איין זאנפטקערנדעל מבטיח געווען, אז דער באַרג וועט אויף זייער בעפעהל זיך אויפהויבען און אין ים אריינפאַלען, און דער בוים וועט אין ים זיך איינפלאַנצען, און ער האָט געשאָלטען און האָט געהייסען: פיינד האָבען, בערויבען און הרג'ענען עלטערען, ברידער און קינדער, ווען זיי ווילען ניט גלויבען אין איהם; ער

האָט אליין זיינע תלמידים, פריהער צוועלף און נאָכהער צוויי און זיעבציג — געשיקט מאַכען גרים פיר איהם; נאָך זיין טויט האָבען זיינע תלמידים מיט פּולוס אן דער שפּיצע, זיך אויף דער גאנצער וועלט פערשפּרייט, כדי גרים צו מאַכען. און פּולוס האָט די גרים בעפרייעט פון אלע מצוות פון דער תורה; אין אונזערע צייטען זעהען מיר אויך וויפיעל קריסטליכע מיסיאָנערען זיינען פערשפּרייט אויף גאָר דער וועלט, נאָך מעהר, אין די ווילדע לענדער, צו פאַרשפּרייטען זיין אמונה, און אויב זיי ווילען ניט, בענוצען זיי ישו'ס מיטלען: שווערד און פייער. און אויב זיי זאָגען נאָר ארוים פון מויל, אז זיי גלויבען, ווען אפילו זיי לייקענען עס אין הארצען, ווערען זיי שוין געהייליגט, און עס ווערען פערגעבען אלע זייערע זינד.

אוי, איהר הימלען! ווי איז איהם פון שאנדע דאָס פּנים ניט רויט געוואָרען, ווען ער האָט געזידעלט די פּרושים, ווארום זיי מאַכען גרים.

## לב.

### „תורת היהודים“.

ער האָט בעשטימט זיי פאַר עלטסטע צו מאַכען. זיי האָבען זיך בעהאַלטען. ער זאָגט זיי: איהר מיינט, אז הערשאַפט גיב איך אייך? קנעכטשאַפט גיב איך אייך. אזוי ווי די זקנים האָבען מלך רחבעם'ן געזאָגט: אויב דו וועסט היינט א קנעכט זיין צו דעם פאָלק (הוריות י').

### „יעוואַנגעליום“.

דער, וואס וויל ביי אייך דער גרעסטער זיין, מוז אייך בעדיענען; ווער עס וויל דער קאָפּ ביי אייך זיין, מוז זיין ביי אייך א קנעכט.

(מת' כ, 26—27).

## לג.

### „תורת היהודים“.

די צדיקים, וואָס גאָט וועט לעבעדיג מאַכען, וועלען זיך מעהר ניט אומקעהרען צו זייער ערד. אזוי ווי אין פּסוק שטעהט: און עס וועט זיין דער פערבליעבענער אין ציון, און דער איבעריגער אין ירושלים — „הייליגער“ וועט מען אויף איהם זאָגען. יעדער, וואס איז איהם צו לעבען אָנגעשריעבען געוואָרען — וועט זיין אין ירושלים. אזוי ווי א קדוש (מלאך) לעבט אייביג, אזוי זיינען זיי אויף אייביג“. (סנהדרין צב, 1).

### „יעוואַנגעליום“.

ווארום, ווען די טויטע וועלען אויפשטעהן, וועט מעהר קיין מאַן און ווייב ניט זיין, זיי וועלען אזוי ווי די מלאכים פון גאָט אין הימעל זיין.

(מת' כב, 30).

ניט אזוי ווי די וועלט איז יענע וועלט. אויף יענער וועלט איז ניטאָ: ניט עסען, ניט טרינקען, ניט מאַן און ווייב, ניט האנדלען, ניט קנאה, ניט שנאה, ניט קריעג, נאָר צדיקים זיצען מיט קרוינען אויף זייערע קעפּ און זיינען נהנה פון דער שכינה'ס לויטערקייט (ברכות י"ז).

## לד.

### „תורת היהודים“.

און וועגען דעם אויפשטעהן פון די טויטע האבען אונזערע חכמים עס אפגעלערנט פון דעם, דאס ווען משה האט גאט געבעטען, האט ער געזאגט: געדענק צו אברהם'ן, צו יצחק'ן און צו יעקב'ן, וואס דו האסט צו זיי געשווארען“. — הייגט, ווען זיי זיינען נאך זייער טויט מעהר ניט פאראן, איז דאך ניטא צו וועמען צו געדענקען. פון דעם איז געדרונגען, אז זיי לעבען אייביג (מד' תישא).

### „יעוואנגעליום“.

און וועגען דעם אויפשטעהן פון די טויטע האט איהר דאך געלעזען, וואס אייך איז פון גאט'ס מויל געזאגט געווארען: איך בין דער גאט פון אברהם, דער גאט פון יצחק און דער גאט פון יעקב; און גאט איז ניט דער גאט פון טויטע, נאר פון לעבעדיגע (מת' כב, 31—32).

ישו'ס ראיה איז פאלש, ווייל די תורה זאגט אויך: „דער גאט פון נחור“ (בראשית ל"א 53). באמת איז איןביידע פלעצער די כונה, וואס האבען איהם געדיענט.

## לה.

### „תורת היהודים“.

(ווען ער זאגט) אזוי ווי די שעפס, ווי די שטאל, ווי דאס האלץ, ווי די פייערען, ווי דער מזבח, ווי דער היכל, ווי ירושלים, אז ער האט א נדר געטהאן ביי איינעם פון די אלע, וואס מען בענוצט ביי דעם מזבח, ווען אפילו ער האט קיין קרבן ניט דערמאהנט, — איז דאס א נדר און קרבן (נדרים י, 2).

פון ישו'ס צארענען און זידלען זעהען מיר, אז ער איז גאר ניט געווען בעקאנט מיט די הלכות נדרים ושבועות. מיר האבען פריהער אויך

### „יעוואנגעליום“.

אוי, צו אייך, בלינדע פיהרערס, וואס זאגען, אז דער מענש שווערט ביי דעם היכל, איז גאר ניט, און אז ער שווערט ביי דעם גאלד פון איהם, איז עס א שבועה. נארען, בלינדע, וואס איז גרעסער? דאס גאלד אדער דער היכל, וואס הייליגט דאס גאלד? און אז א מענש שווערט ביי דעם מזבח איז גאר ניט, און אז ער שווערט ביי דעם קרבן, וואס אויף איהם איז עס א שבועה.

(מת' כג, 16—18).

שוין צוויי מאהל געוויעזען, אז די הלכות נדרים זיינען פאר איהם פרעמד געווען, און ער האט נאך געהאט אין זיך דאס עזות צו זידלען די פרושים.

רעכט האט שלמה המלך געזאגט: „דעם מענשענ'ס נארישקייט פערקרימט זיין וועג און אויף גאט טהוט זיין הארץ שטורמען“. (משלי י"ט, 3).

אזוי, זעהט אויס, ווייסט ער ניט, אז ביי שבועות ברויך ער גאר צו קיין שום חפץ ניט צו פארגלייכען. נאר ביי א נדר מוז ער דערמאהנען, אז

ער וויל אויף זיך אסור'ן דעם חפץ אזוי ווי א קרבן; אָבער א שבועה בעשווערט ער נאָר זיך אליין. אויסער אלעם איז זיין פראגע ניט קלוג: דער תכלית איז תמיד העכער פון דער סבה, און דער קרבן העכער פאר דעם מזבח.

## לו.

„תורת היהודים".

אין דעם הארץ פון קלוגע הערצער האָב איך חכמה געגעבען. (שמות לא, ט').

צו די קלוגע גיט ער קלוגשאַפט, און פערשטאַנד צו די וואָס האָבען פערשטאַנד (דניאל ב'); גאָט גיט חכמה נאָר צו די חכמים" (ברכות נ"ה). ווייל זיי ווייסען ווי אזוי צו בענוצען דאָס צו גוטען, אזוי ווי מע לייהט ניט קיין געלד נאָר צו די, וואָס האָבען געלד (מדר' רבה).

„יעוואַנגעליום".

ווער עס האָט, גיט מען איהם נאָך מעהר, און ווער עס האָט ניט — נעהמט מען ביי איהם צו, וואָס ער האָט. (מת' כה, 29).

די צווייטע ישו'ס שפּריכוואָרט איז נאריש: דען ווען איינער האָט ניט, וואָס וועט מען פון איהם צונעהמען?

## לז.

„תורת היהודים".

אַ מענש זאָל זיין גאַסט-הויז ניט בייטען. מיר לערנען עס אָפּ פון אברהם אבינו. דער פסוק זאָגט: ער איז געקומען צו דעם אָרט, וואָס איז פ ר י ה ע ר זיין געצעלט געווען. (ערכין ט"ז, 2).

„יעוואַנגעליום".

און אז איהר וועט קומען אין א הויז פון די ערטער, וואוהין איהר געהט, זאלט איהר דאָרט זיצען, ביז וואַנען איהר וועט פון דאָרט ארויסגעהן. (מר' ו' 10).

## לח.

„תורת היהודים".

און אז א זעעלע וועט א קרבן־מנחה פאר גאָט ברייגנען. (ויקרא, ב' א').

דער פסוק דערמאָהנט ניט דאָס וואָרט: זעעלע נאָר ביי א „מנחה"; וואָרום נאָר אן ארימער ברייגנט א מנחה. זאגט גאָט: ביי מיר איז גלייך, אזוי ווי ער וואָלט זיין זעעלע מקריב זיין.

„יעוואַנגעליום".

ער האָט געזעהען דאָס פאָלק געלד געבען, און פיעל רייכע האָבען פיעל געלד געגעבען, און אן ארימע אלמנה האָט צוויי פּרוטות געגעבען. ער האָט זיינע תלמידים גערופען און האָט זיי געזאָגט: באמת זאג איך אייך, אז די אָרימע אלמנה האָט געגעבען מעהר פון אלע, וואָס האָבען דאָ געגעבען. (מר' יב, 41—43).

## לט.

### „תורת היהודים“.

ס'זאָל גרויס און געהייליגט זיין, זיין נאָמען דער גרויסער אויף דער וועלט, וואָס ער האָט לויט זיין ווילען בעשאַפען — ס'זאָל זיין גרויסער נאָמען זיין געבענשט אויף אייביג אין אלע וועלטען (קדש). (זעה סימן ט"ז). שלמה המלך האָט געבעטען: „שפּייז מיך מיט מיין בעשטימטען ברויט (משלי ל' 8). יעקב אבינו האָט געבעטען נאָר ברויט אויף עסען (בראשית כ"ח 20), זאָלסט אונז ניט ברייגנען צו קיין נסיון (תפלת היום, ברכות). דוד המלך האָט געוואָלט האָבען אַ נסיון, איז ער איהם ניט בייגעשטאַנען, און ער האָט נאָכדעם תשובה געטהאָן. אַ מענש זאָל זיך דארום היטען פון א נסיון (סנהדרין ק"ז).

### „יעוואַנגעליום“.

איהר זאָלט אזוי בעטען: אונזער פאָטער אין הימעל, געהייליגט זאָל ווערען דיין נאָמען, דיין מלוכה זאָל קומען, דיין רצון זאָל אויף דער ערד ערפילט ווערען, אזוי ווי אין הימעל. גיב אונז היינט אונזער טעגליך ברויט און ברייגג אונז ניט צו קיין נסיון.

(מת' ו' 9—13).

## מ.

### „תורת היהודים“.

איך האָב מיינע מעשים געגרויסט, איך האָב פאר זיך הייזער געבויט, וויינגערטנער פאר זיך געפלאַנצט, און אלעס איז דומהייט און ווינד־יאָ־געניש. עס איז קיין פאָרצוג ניט דאָ אונטער דער זון — און איך האָב פיינד מיין מיה, וואס איך בעמיה זיך אונטער דער זון; ווייל איך דארף דאָס פאר אנדערע איבערלאזען, וואָס נאָך מיר, און ווער ווייסט, צו וועט ער א חכם אָדער אַ נאַר זיין. דער וואָס וועט געוועלטיגען אויף מיין גאַנצען פערמעגען, וואס איך האָב געאַרבייט און געקלוגט זיך אונטער דער זון. דאָס איז אויך א דומהייט.

(קהלת ב' 4—19).

פאראַן איינער וואס ארבייט שווער, הונגערט און ווערט רייך, און דאָס איז זיין טהייל פון גאר זיין מיה, און ווען ער זאָגט: יעצט וועל איך רוהען און וועל גוטעס פון מיין ארבייט זעהען — און ווייסט גאר ניט, אז

### „יעוואַנגעליום“.

און ער האָט זיי געזאָגט א משל: א רייכער מאַן, וואס זיין פעלד האָט איהם פיעל תבואה געבראַכט, האָט צו זיך געטראַכט: וואס זאָל איך טהאָן? איך האָב ניט וואו מיין תבואה אריינצונעהמען? און ער זאָגט: אזוי וועל איך טהאָן, איך וועל די שפּייכלערס צוואוואַרפען און גרעסערע פון זיי אויפבויען, און מיין גאנצע תבואה און גוטעס וועל איך אהין פערזאמלען. און איך וועל אזוי זאָגען צו מיין זעלע: זעלע, פיעל גוטעס האָב איך דיר אויף פיעל יאָהרען אָנגעגרייט. זיי רוהיג, עס, טרינק און פרעה זיך. אָבער גאָט זאָגט איהם: נאַר, די נאַכט וועט מען ביי דיר צונעהמען די נשמה. פאר וועמען וועט בלייבען דאָס, וואס דו האָסט אָנגעגרייט? (לוק' י"ב, 16—20).

זיין טאָג איז אָנגעקומען, און ער וועט פאר אנדערע זיין קראפט איבערלאָזען.
(בןסירא יא, 20—21).

זיין אויסדריק: „אָבער גאָט זאָגט איהם: נאַר“ — איז זעהר ניט קיין איידעלער.

## מא.

### „תורת היהודים“.

„אָן עולה, וואס מען קען ניט פערריכטען“ —אויף דער וועלט וואָס איז פערקרימט קען פערריכט ווערען, און ווער עס מאַכט א פעהלער, קען ער עס פערבעסערען. אבער אויף יענער וועלט, דאס וואס איז פארקרימט, קאָן ניט פארריכט ווערען; דער וואָס האָט א פעהלער בעגאנגען, קאן איהם ניט פערבעסערען. פאראן רשעים, וועלכע זיינען חברים געוועזן אויף דער וועלט. איינער האָט זיך צוגעאיילט און האָט תשובה געטהאָן פיר זיין טויט, און איינער האָט קיין תשובה פאר זיין טויט ניט געטהאָן. דער וואס האָט פאר זיין טויט תשובה געטהאָן, האָט זוכה געוועזן און שטעהט מיט די צדיקים צוזאמען, און דער וואס האָט קיין תשובה ניט געטהאָן — שטעהט מיט די רשעים צוזאמען, און ער זעהט זיין חבר און שרייעט: וועה צו מיר. ער און דער צווייטער זיינען מיר אין איין וועלט געוועזן, גע׳גנב׳עט אין איינעם, גע׳גזל׳ט אין איינעם, און שלעכטע מעשים אין איינעם געטהאָן. פאר וואס איז דער אינאיינעם מיט צדיקים, און איך — מיט די רשעים? דאָן זאגט מען איהם: נאַר! פאַרמיאוס׳ט ביסטו דריי טעג נאָך דיין טויט געוועזן — דיין חבר האָט דאָס דערזעהען, האָט ער תשובה געטהאָן. זיין תשובה האָט איהם מיטגעהאלפען ער זאָל מיט די צדיקים זיין. ווען דו

### „יעוואַנגעליום“.

עס איז געוועזן א רייכער מאַן, געקליידעט אין ליאָן און פורפור־וואָל, און ער האָט זיך מיט פערגניגען געפרעהט טאָג־טעגליך; און עס איז געוועזן אויך אנ׳אָרים־מאַן מיט דעם נאָמען אלעזר, וועלכער איז געלעגען אנטקעגען טהיר פון זיין הויז, פול מיט געשווירען און בלאטערען, און ער האָט געגארט זיין הונגער צו זעטיגען מיט די ברעקלאך, וואס פון דעם רייכענ׳ס טיש וועלען אראָפּפאַלען. און די הינד פלעגען קומען לעקען דאָס בלוט פון זיינע וואונדען. דער אָרימאַן איז געשטאָרבען און מלאכים האָבען איהם אוועקגעטראָגען צו אברהם׳ען אין שויס, און דער רייכער איז אויך געשטאָרבען און בעגראָבען געוואָרען, און ער האָט דערזעהען אין זיינע גהנום־שמערצען, וואס האָבען איהם ארומגענומען, אברהם׳ען און אלעזר׳ן אין זיין שויס, און ער האָט געשריען: אברהם, מיין פאָטער, דערבארעם זיך אויף מיר און שיק אלעזר׳ן, ער זאל איינטונקען זיין שפּיץ פינגער אין וואסער, כדי ער זאָל אָפּקיהלען מיין צונג, וואָרום איך ברען אויף דעם מוקד. אברהם ענטפערט איהם: געדענק, מיין קינד, אז אלעם גוטעם האָט מען דיר ביי דיין לעבען געגעבען, און אלעזר׳ן אלעם שלעכטעם; יעצט האָט ער טרויסט, און דו — צרות; און אויסער דעם, א טיעפע טהאָל צושיידט אונז, און

## „תורת היהודים“.

וואָלסט תשובה געטהאָן, וואָלסטו אויך אזוי געווען. — ער זאָגט זיי: לאָזט מיך, וועל איך אויך תשובה טהאָן. זיי ענטפערען איהם: נאַר! צי ווייסטו ניט, אז די וועלט איז צו שבת גליך, און יענע צו ערב שבת. אז מען גרייט זיך ערב שבת ניט אָן, וואס וועט מען שבת עסען? און ער קריצט מיט זיינע ציין און עסט זיין פליש. ווי דער פסוק זאָגט: „דער נאַר קרייצט זיינע הענד און עסט זיין פלייש“. און ער זאָגט: לאָזט מיך כאָטש זעהען מיין חבר'ס עהרע. זיי זאָגען איהם: נאַר! עס איז פון דער העכערער קראַפט פאַרבאָטען, אז די צדיקים זאָלען ניט זיין מיט די רשעים און די רשעים מיט די צדיקים. — און באַלד צורייסט ער זיינע קליידער און פליקט זיך אוים די האָר. (מדר' קהלת א', 36).

## „יעוואַנגעליום“.

עס איז ניט מעגליך צו קומען איינער צום צווייטען — און ער זאָגט: אויב אזוי, פאָטער, בעט איך דיך, שיק איהם אין מיין פאָטער'ס הויז, ווייל איך האָב פינף ברידער, ער זאָל זיי בעשווערען, בכדי אז זיי זאָלען אויך אויף דעם מוקד ניט דאַרפען קומען. און אברהם ענטפערט: זיי האָבען משה'ן און די נביאים, זאָלען זיי איצט צוהערען זיי (לוק' טז, 19-29).

ישו לערנט דאָ, אז די רייכע, ווייל זיי האָבען פאַרגניגען אויף דער וועלט געהאַט, וועלען זיי ניט האָבען יענע וועלט, נאָר גיהינום-שמערצען און צרות, און די אָרימע, ווייל זיי האָבען שמערצען און צרות אויף דער וועלט געליטען, וועלען זיי זיין ביי אברהם'ען אין שוים אויף יענער וועלט. דאָס שטימט מיט זיינע רייד: וואויל איז צו אייך, אָרימע, ווייל צו אייך איז הימעל-רייך, און וועה איז צו אייך, רייכע, ווייל איהר האָט שוין אייער טרייסט בעקומען (לוק' ו, 24,20). אזוי אויך האָט ער דעם יונג געהייסען אלץ די אָרימע צו-טהיילען און איהם נאָכגעהן (מת' יט, 20—21). די שיטה איז זעהר א פאַל-שע. מען זאָל זיך גאָר ניט אָפּנאַרען, דאָס איז ניט קיין פערדאַמונג פון דער סיסטעם וואס שאַפט ארמוטה און רייכטהום, נאָר א שנאה צו אלע רייכע, ווען אויך זיי האָבען גוטע זעלען און האָבען געטהאָן אל דאָס גוטס. ניט אזוי לערנען די פרושים: „דו האָסט בעשאַפען צדיקים, דו האָסט בעשאַפען רשעים; דו האָסט בעשאַפען גן־עדן, דו האָסט בעשאַפען גיהינום — צדיקים אין גן־עדן, רשעים — אין גהנום“ — זאָגען די פרושים (סוטה כ'). ; דו האָסט בעשאַפען אָרימע, דו האָסט בעשאַפען רייכע; דו האָסט בעשאַפען גן־עדן, דו האָסט בישאַפען גיהינום. „אָרימע — אין גאַן־עדן, רייכע — אין גיהינום“ — זאָגט ישו.

### מב.

## „תורת היהודים“.

באַשעהן זיך ניט פאַר דעם מלך און ניט שטעה צווישען די גרויסע; ווארום, ס'איז בעסער פאַר דיר אז

## „יעוואַנגעליום“.

אז ער האָט געזעהען די געסט קלייבען זיך אוים די בעסטע ערטער, האָט ער א משל צו זיי געזאָגט: אז

### „תורת היהודים“.

מען זאָל דיר זאָגען: ארויף אהער, איידער מען זאָל ערניעדריגען דיך פאר דעם הארר, וואס דיינע אויגען זעהען (משלי כה, 6—7).

ר' עקיבא לערנט: דערווייטער זיך צוויי, דריי ערטער פון אויבען־אָן און זעץ זיך ביז וואנען מען וועט דיר זאָגען: ארויף, ארויף, און מען זאָל דיר ניט זאָגען: אראָפּ, אראָפּ, אזוי האָט אויך הלל געזאָגט. מיין דערניעדריגען זיך איז מיין דערהויבונג; מיין דערהויבונג איז מיין דערניעדריגונג. דאָס לערנט דיך, אז יעדער וואס דערניעדערט זיך, דערהויבט איהם גאָט, און ווער עס דערהויבט זיך, מאכט איהם גאָט ניעדריג; ווער עס יאָגט זיך נאָך גדולה — אנטלויפט די גדולה פון איהם, און דער וואס אנטלויפט פון גדולה, יאָגט איהם די גדולה נאָך; ווער עס טרייבט די צייט, טרייבט די צייט איהם; ווער עס וואַרט אפּ די צייט, בלייבט זי שטעהן פאר איהם.
(מד' ויקר, א'; עירובין י"ג).

### „יעוואנגעליום“.

א מענש וועט דיך אויף זיין חתונה לאַדען, זעץ זיך ניט אויבען אָן. טאָמער האָט ער א שעהנערען מענשען פון דיר געלאַדען, וועט דער, וואס האָט אייך ביידען געלאַדען, קומען און דיר זאָגען: טרעט אפּ דיין אָרט פאר דעם מענשען, און דו וועסט מיט שאַנדע דארפען פון דעם אָרט אויפשטעהן און פארנעהמען דעם ניעדריגערען אָרט; נאָר ווען ער האָט דיך געלאַדען, געה זעץ זיך אויף דעם ניעדריגערען אָרט, און דער וואָס האָט דיך געלאַדען וועט קומען און דיר זאָגען: פריינד! קום ארויף העכער פון דאַנען, וועט פאר דיר א כבוד זיין און פאר אלע איבריגע וואס מיט דיר זיצען, — ווייל, דער וואס דערהויבט זיך מיט גאוה וועט ניעדריג ווערען, און א ניעדריגער וועט דערהויבט ווערען (לוק' יד, 7—11).

## מג.

### „תורת היהודים“.

עס שטעהט: ווי א געדונגענער, ווי א תושב, זאָל ער (דער קנעכט) זיין מיט דיר: — מיט דיר עסען; מיט דיר טרינקען; מיט דיר שלאָפען. דו זאָלסט ניט עסען אליין ריין ברויט, און ער — שווארץ ברויט; דו זאָלסט אליין ניט טרינקען אלטען וויין, און ער — נייעם; דו זאָלסט ניט שלאָפען אליין אויף קישענס און ער — אויף מאָך (קידושין כ').

מען בעדאַרף געבען פריהער עסען די קנעכט און די בהמות, און נאָכ־

### „יעוואנגעליום“.

און ווער פון אייך, וואס זיין קנעכט האָט געאַקערט און געפיטערט אין פעלד, ווען ער קעהרט זיך אום פון דאָרט, וועט איהם זאָגען: אייל זיך, קום זיך זעצען ביי דעם טיש, און זאָל איהם ניט זאָגען: גרייט מיר צו פריהער אבענד־ברויט און גארטעל זיך אונטער, בעדיען מיך, ביז וואנען איך וועל עסען און טרינקען, און נאָכהער וועסטו אויך עסען און טרינקען.
(לוק' יז, 7—8).

הער אליין עסען, אזוי ווי די תורה זאגט: „און איך וועל געבען גראָז אין פעלד דיין בהמה“ (און נאָכהער) „און דו וועסט עסען און זאַט זיין“ (דברים י"א, 15; גיטין ס"ב, א'). ישו אבער גערעכטפערטיגט ז'עם הארר. וועלכער הייסט דעם קנעכט, נאָכדעם ווי ער האָט א גאנצען טאָג אין פעלד געארבייט, זיך פריהער בעדיענען און ערשט נאָכדעם עסען.

## מד.

### „תורת היהודים“.

ווער ס'האָט געטהאָן פריהער פאר מיר, וועל איך איהם בעצאָהלען; ווער האָט מיך געלויבט, איידער איך האָב איהם א נשמה געגעבען? ווער האָט זיין קינד מל' געווען איידער איך האָב איהם א זוהן געגעבען? ווער האָט א מזוזה געמאכט מיר, איידער איך האָב איהם א הויז געגעבען? (מד' ויקרא פ', כ"ז, 2); גיב איהם פון זיינע ווארום דו, און אלעס וואס ביי דיר איז זיינע, אזוי ווי דוד זאגט: ווארום פון דיר איז אלעס, און פון דיין האנד גיט מען דיר (אב' ג', 8).

### „יעוואַנגעליום“.

און איהר אויך, ווען איהר האָט געטהאָן אלעס, וואס אייך איז אָנגעזאָגט, זאָגט: מיר זיינען קנעכט, ניט מעהר, ווארום נאָר דאָס, וואס מיר מוזען טהאָן, האָבען מיר געטהאָן. (לוק' יז, 10).

## מה.

### „תורת היהודים“.

דער וואס בעט צוליעב זיין זכות, העלפט מען איהם צוליעב דעם זכות פון אַנדערע, און דער וואס בעט צוליעב דעם זכות פון אנדערע, העלפט מען איהם צוליעב זיין זכות. משה האָט געבעטען: גערענק צו אברהם'ן, צו יצחק'ן און צו יעקב'ן — האָט מען איהם געהאָלפען אין זיין זכות, ווי עס שטעהט: ווען ניט משה, זיין אויסדערוועהלטער, וואָלט זיך ניט געשטעלט.

חזקיה האָט געבעטען: „געדענק, וואס איך בין פאר דיר געגאַנגען“ — ענטפערט איהם גאָט: איך באשיץ דיך — צוליעב מיר און צוליעב מיין קנעכט דוד (ברכות י', 2).

### „יעוואַנגעליום“.

און ער האָט א משל געזאָגט ווע־גען די, וואס פערזיכערען זיך אויף זייערע צדקות, און אנדערע רעכענען זיי פאר גאר ניט. צוויי מענשען זיינען ארויף אין היכל דאוונען, איינער א פרוש און דער צווייטער א מוכס. דער פרוש האָט אזוי געבעטען: איך לויב דיך גאָט, ווייל איך בין ניט אזוי ווי די רויבער, שלעכטע, דערצאָרנדיגער און אויך ניט אזוי ווי דער מוכס. צוויי טעג אין וואָך פאסט איך; פון אלע מיינע תבואות גיב איך מעשר; און דער מוכס שטעהט פון ווייטען און האָט ניט קיין עזות זיינע אויגען אויפהויבען הויך, און קלאַפט זיך אין הארצען און זאָגט: דערבאַרים זיך גאָט אויף אזא חוטא ווי איך. — איך זאָג אייך. אז ער האָט זיך אהיים אומגעקעהרט גערעכטער פון יענעם מענ־שען (לוק' יח, 9—14).

## מו.

### „תורת היהודים“.

ווען די נואפים האָבען זיך גע־מעהרט, האָבען די מים המאררים אויפגעהערט. די רבנן האָבען גע־לערנט: עס שטעהט אין פסוק: „און דער מאַן איז ריין פון זינד, און די ווייב טראָגט איהר שולד“ — אויב דער מאַן איז ריין פון זינד, טראָגט זיין ווייב די שולד; ווען אָבער ער איז ניט ריין פון זינד, טראָגט זי אויך ניט איהר שולד.

ווען אפילו זיינע טעכטער אָדער שניר זיינען זונות, איז מען שוין מיט די מים המאררים ניט בודק, אזוי ווי דער נביא זאָגט: איך וועל מעהר ניט בעדענקען אויף אייערע טעכטער, אויב זיי וועלען מזנה זיין, און אויף אייערע שניר, אויב זיי וועלען מנאף זיין; ווייל זיי געהען ארום מיט זונות. דער נביא האָט אזוי געזאָגט צו די אידען: ווען איהר זייט מקפיד אויף זיך אליין, וועלען די מים המאררים בודק זיין אייערע ווייבער; אויב איהר זייט אליין ניט מקפיד, וועלען די מים המאררים אויף זיי ניט שולט זיין (סוטה מז, 1—2).

### „יעוואָנגעליום“.

די סופרים און פרושים האָבען פאַר איהם געבראַכט א אשה, וואס האָט מזנה געוועזן. זיי האָבען זי אין מיטען געשטעלט און האָבען איהם געפרעגט: הארר! די אשה האָט מזנה געוועזן. משה אין דער תורה האָט געהייסען זי פערשטיינען. וואס זאָגסטו? דאָס האָבען זיי גערעדט בכדי איהם צו פּרואווען און צו גע־פינען אויף איהם א שולד, און ער האָט געזאָגט צו זיי: דער פון אייך, וואס איז פון זינד ריין, זאָל אין איהר דעם ערשטען שטיין וואַרפען. ווען זיי האָבען דאָס דערהערט, זיינען זיך איינציגוויים צוגאַנגען. קיינער איז ניט געבליבען. ער האָט זיי געפרעגט: וואו זיינען דיינע בעשולדיגער? זי האָט געענטפערט: קיין איינער איז אויך ניטאָ. ישו האָט איהר געזאָגט: איך בעשולדיג דיך אויך ניט. געה אהיים (יוחנן ח׳, 2—10).

די געשיכטע וועגען דער זונה, וואס מען האָט געבראַכט פיר ישו׳ן, אז ער זאָל זי משפּט׳ן, זעהט אוים צו זיין ניט ריכטיג איבערגעגעבען. עס איז אונמעגליך, אז די פרושים זאָלען בריינגען א זונה צו א יחיד, און ניט צו די קליינע סנהדרין, וואָס בעשטעהט פון דריי און צוואַנציג מיטגליעדער, וואָרום נאָר סנהדרין פון דריי און צוואַנציג מיטגליעדער האָבען אן אשת איש א זונה גע׳משפּט (סנהדרין ב׳, 1).

עס איז קלאָהר, אויב דאָ איז יאָ געוועזן א מעשה מיט אן אשת־איש, א זונה, וואס די סופרים האָבען געבראַכט פיר ישו׳ן צום משפט, איז דאָס אודאי געוועזן א סוטה. זיי האָבען איהם געוואָלט אויספּרובירען, אויב ער איז בעקאַנט מיט דעם דין, אז א סוטה דאַרף מען מעהר ניט אַנטרינקען מיט מים־המאררים. ישו האָט אויף דער פראַגע ריכטיג געענטפערט. ער האָט אָנ־געוויזען אויף דעם פסוק: „און דער מענש איז ריין פון זינד, און דאָס ווייב

ווען טראָגען איהר שולד״, וועלכען די חז״ל האָבען גע׳דרשנ׳ט, אז נור דאַן ווען די פרוי טראָגען איהר שולד, ווען דער מאַן איז ריין פון זינד, און דארום איז שוין פערשטענדליך זיין פראגע: „ווער איז דער מאַן, וואס איז ריין פון זינד?״ דער כראָניקער האָט אָבער די געשיכטע צודרעהט, און דערצעהלט וועגען א זונה, כאָטש עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א סוטה. אויף די אונ־פינקטליכקייט פון כראָניקער בעווייזט אויך דאָס, וואָס ער דערצעהלט, אז די סופרים האָבען געזאָגט: „משה אין דער תורה האָט אונז געהייסען אזא אשה פערשטיינען?״ וואָס דאָס איז ניט מעגליך, דען א אשת־איש קומט ניט קיין סקילה, נור חנק. (סנהדרין פ״ד, 1).

* *

*

מיר האָבען אַלע זיינע מאמרים אויסגערעכענט און האָבען בעוויעזען, אז די שעהנע מאמרים האָט ער גענומען פון תנ״ך און די פרושים, וועלכע האָבען געלעבט פיעלע יאָהרען פאַר איהם. פיעלע פון זיינע מאמרים געפינען זיך אויך ביי די בעלי־התלמוד, וואס זיינען געווען נאָך איהם. די בעלי־התלמוד האָבען אָבער יעדעס מאָל זייערע רייד בעגרינדעט אויף פסוקים פון תנ״ך און אָנגעוויעזען די קוועלע, פון וואנען זיי האָבען זייערע מאמרים געשעפּט. ניט אזוי ישו. ער האָט אַלץ ארויסגעגעבען פאַר זיין אייגענס, קיינמאָהל ניט אָנגעגעבען די קוועלע, און די פרושים, מיט וועמענס פעדערען ער האָט זיך געציערט, האָט ער געזידעלט ביי יעדער געלעגענהייט. פריהער עסט ער די פרוכטען פון בוים, און נאָכדעם רייסט ער זיינע ווארצלען. דאָס איז ישו׳ס יושר.

מיר האָבען אויך בעוויעזען, אז די מאמרים, וואס זיינען באמת זיינע אייגענע, שטימען ניט מיט דעם יושר, זיינען אָפט גרויזאַם און פאַלש. זיי זיינען בלויז פון אויבען מיט לעש־גאָלד געדעקט, מען דאַרף נור א רייב טהאָן, און עס זעהט זיך ארויס דער טשערעפּ.

עס איז קלאָהר, אז ישו האָט זיינע שעהנע מאמרים פון די תלמוד׳יסטען גענומען, און ניט פארקעהרט; אז ישו האָט געהאַט די שעהנע מדה אַלץ אין זיין אייגענעם נאָמען ארויסצוגעבען, כדי צו מאַכען א רושם אויף די פישער, וועלכע זיינען קיין למדנים ניט געווען — האָבען מיר שוין בעוויעזען. מיר האָבען אין זיין נאָמען פון יעוואַנגעליום פיעל מאמרים גע־בראַכט, וועלכע זיינען פאַראַן אין תנ״ך. ער אָבער האָט פאַר זיינע תלמידים „וועלכע ווייסען ניט קיין תורה״, זיי געזאָגט פאַר זיינע אייגענע. די תלמוד׳יסטען, פערקעהרט, האָבען תמיד אָנגעגעבען די קוועלע, ווען זיי האָבען אפילו די רייד געהערט פון א פּרסי אָדער א גריך.

די תלמוד׳יסטען געהערט דער מאמר: „ווער עס זאָגט נאָך די זאַך אין נאָמען פון דעם, וואס האָט זי געזאָגט, ברייגנט די גאולה אויף דער וועלט. פיעלע מאָהל געפינען מיר אין תלמוד, ווי איינער דערמאָהנט פיער, פינף

נעמען — איש מפי איש — כדי ניט צו רויבען דעם קרעדיט פון דעם יעניגען, וואָס האָט דער ערשטער דעם מאמר געזאָגט.

וואָלטען די תלמוד'יסטען עפּעס גענומען פון איהם, איז קיין ספק ניט, אז זיי וואָלטען אָנגעוויזען די קוועלע. די תלמוד'יסטען האָבען אָבער פון איהם ניט געוואָלט הערען און וויסען. זיי זיינען געווען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין, נור ניט צו דאַרפען הערען איין איינציג וואָרט פון איהם, מחמת זיי האָבען עס פאַר אַן עבודה־זרה גערעכענט. און ווער עס לערנט עפּעס פון אַן עכו"ם איז חייב מיתה (שבת קכ"ד).

מיר געפינען, אז ר' אליעזר האָט זיך אליין ערקלעהרט שולדיג אין טויט־שטראָף דאפיר, ווייל ער האָט געהערט א מאמר אין ישו'ס נאָמען, וועל־כער איז איהם געפעהלען געוואָרען.

די חכמים האָבען באַלד אויף דעם שטעל בעוויעזען, אז ער האָט אויך דאָ ניט רעכט, און אז ער האָט לחלוטין ניט פערשטאַנען די בעדייטונג פון פּסוק.*) (ע"ז, י"ז 1).

פון דעם אַלעמען איז קלאָהר, אז דעם אורטהייל, וועלכען מיר האָבען אין אָנפאַנג פון דעם טהייל אויסגעשפּראָכען: „אַלץ וואָס איז גוט אין איהם איז ניט נייַ, און וואָס עס איז נייַ איז ניט גוט", רוהט אויף פעסטע יסודות.

# פינפטער טהייל.

נאָך ישו'ס טויט זיינען זיינע תלמידים, מיט פּולוס אַן דער שפּיצע, אויפגעשטאַנען צו פערשפּרייטען זיין גלויבען אויף דער וועלט, און טראָטץ דעם, וואָס ער האָט זיי פערזאָגט, אז זיי זאָלען צו די היידען ניט געהן, אדער לויט זיין אייגענעם איידעלען אויסדרוק: „איהר זאָלט דאָס היילינקייט פאַר הינט ניט געבען, און איהר זאָלט אייערע פּערלען פאַר שווינען ניט וואַרפען", האָבען זיי זיך צולאָזט אויף גאַר דער וועלט, צו פערשפּרייטען צווישען אַלע פעלקער די נאַכריכט, אז ישו הנוצרי, וועלכער איז פון די רוימער געקרייציגט געוואָרען פאַר א קרבן פאַר דער וועלט, איז אויף דעם דריטען טאָג לעבעדיג געוואָרען און וועט גיך אין יענעם דור נאָך אמאָל קומען צו גרינדען דאָס הימעל־רייך אויף גאַר דער וועלט.

זיינע תלמידים האָבען קלאָהר ישו'ס מחשבות פערשטאַנען, אז ניט

---

*) ישו האָט ערקלעהרט, אז דער פּסוק וועגען „אתנן זונה" האָט ניט פערבאָטען צו בענוצען דאָס געלד פון א זונה אויף געוויסע גוטע זאַכען. דאָס שטימט מיט זיין לעהרע, אז מען מעג טהאָן שלעכטעס צוליעב א גוטער כונה. די חכמים האָבען אָבער ערקלעהרט, אז מען טאָר פון דעם געלד לחלוטין ניט הנאה האָבען. דאָס שטימט מיט זייער מיינונג, אז פון שלעכטס קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען. עס איז אויך מעגליך, אז ער האָט דאָס וועגען זיך זעלבסט גע'דרשנ'ט...

צו פערשטאַרקען תורת משה איז ער געקומען, אזוי ווי ער האָט מבטיח געוועז, נאָר צו שטערען זי, פארניכטען זי, אזוי ווי עדות האָבען פיר די סנהדרין דער־צעהלט, אז אסטפונוס האָט ערקלעהרט: ישו הנוצרי וועט פערבייטען משה'ס תורה*) (אפ' גע' ו', 14).

פולוס האָט גאר די מאסקע פון ישו'ס רייד אראָפּגעריסען: „זיי לערנען משה'ס תורה, — זאגט ער אין זיין בריעף צו די קרנתים, — און דער דעקטוך פארדעקט ביז היינטיגען טאָג זייער הארצען, אָבער ווען זיי ווילען זיך צו דעם האר קעהרען, וועט ער דעם דעקטוך אראָפּנעהמען“ (ב' ג' 14־16).

דערפאר, ברודער — זאָגט פולוס — איהר זייט אויך, אזוי ווי טויטע, פערררעכענט צו דער תורה אין משיח'ס טויטען קערפער. און איהר זייט אויפ־געשטאַנען צו אן אנדערען, אזוי ווי דער, וואס איז פון טויטע אויפגעשטאַנען צו ברייגען פרוכט פאר גאט; ווארום, בשעת מיר האָבען נאָך קערפערליכען לעבען זיך געיאָגט, האָבען די מצוות התורה אין אונז ארויסגערופען זינד־תאוות, וועלכע האָבען זיך אין אונז איינגעגעסען און מיר האָבען צו דעם טויט פרוכטען געבראכט. יעצט אָבער, זיינען מיר פון דער תורה בעפרייעט געוואָ־רען, און איהרע בענדער האָבען מיר ארונטערגעוואָרפען פון אונז, וויל מיר זיינען אָבגעשטאָרבען פון איהר; דערפאר איז יעצט קיין משפט ניט פאראן פאר די, וועלכע לעבען אין משיח'ן ניט קערפערליך נאָר גייסטליך; ווארום דאָס געזעץ פון גייסטיגען לעבען אין משיח'ן האָט מיך בעפרייעט פון תורה, זינד, און טויט. און ווען אין אייך איז משיח — שטאַרבט אָפּ דער קערפער פון זינד און עס לעבט אויף דער גייסט פון צדק.

וואו איז יעצט פאראן די גרויסקייט פון די בעריהמער? — זאגט פולוס אויף אן אנדער פלאַץ — עס איז גאר ניט דורך קיין געזעץ. ניט דורך דעם געזעץ פון מעשים, ניין; נאָר דורך א געזעץ פון גייסטיג גלויבען — ווא־רום מיט רעכט קענען מיר בעשטימט זאגען: מיט אמונה ווערט דער מענש גערעכט אָהן מעשים פון דער תורה“ (רומים ז'—ח').

קורץ גערעדט: פולוס ערקלעהרט, אז דער וואס גלויבט אין ישו ווערט זיין וועזען אזוי, אז ער וועט שוין מעהר ניט זינדיגען און ער דאַרף שוין מעהר ניט קיין תורה.

די אונפערשטענדליכע פולוס'עס רייד ווערען אונז קלאָהר דורך זיינע ווערטער, וואס איך האָב פריהער געבראכט: — „ווען אבער דורך אונזער שולד וועט גאָט'ס גערעכטיגקייט ווערען בעוואוסט, וואָס זאָלען מיר זאָגען, אז גאָט איז אומווערדיג, ער וועט זיין צאָרען אויף אונז דערוועקען; ווארום — ווען אזוי, — ווי אזוי וועט ער די וועלט משפט'ן? — און ווען מיין שולד

*) דער שרייבער זאָגט, אז זיי האָבען געזאָגט ליגענד; די פּראַקטיק בעווייזט אָבער, אז זי' דאָבען געזאָגט אמת.

און לייקענען אין גאָט גיט איהם צו מאַכט און דאָפּעל־עהרע, — טאָ ווארום זאָל איך ארויס פון זיין משפּט א שולדיגער? (רומים ג׳ 5—8).

עס איז שוין זעלבסטפערשטענדליך: ווי באלד נור אז וועגען אמונה מעג מען שוין זיך בענוצען מיט פערברעכענס: „שולד״, „גאָט לייקענען״, — ממילא זיינען שוין אראָפּ אין גאנצען די מצוות התורה. מיר האָבען שוין פריהער ערקלעהרט, אז אזוי האָט ישו זיינע תלמידים געלערנט אין זיין דריי־צעהנטען יסוד, און פולוס איז, אלס זיין טרייער תלמיד, אויף דעם וועג גע־גאַנגען. לויט פולוס'ען הייסט עס אזוי: דער וואָס גלויבט אין ישו'ן, שטאַר־בען אין איהם די זינד, און ער ווערט ניי געבאָרען אין משיח'ן, און ער וועט שוין מעהר ניט זינדיגען, און שוין צוליעב דעם טעם אליין ברויכט ער שוין מעהר קיין תורה ניט.

די שיטה דערמאָהנט אונז אויף דעם ערשטען קוק אין דער הבטחה, וואס די תורה האָט מבטיח געווען, אז באחרית הימים „וועט גאָט פערשניידען דיין הארץ און דאס הארץ פון דיינע קינדער ליעב צו האָבען גאט און אין זיינע וועגען צו געהן״. אויך דער נביא יחזקאל האָט אזוי מבטיח געווען: „און איך וועל אייער פערשטיינערטע הארץ אַפּטהאָן פון אייך, און וועל אייך א פלייש־הארץ געבען״. זעהר גרויס איז אָבער דער אונטערשיעד צווישען דיביידע. די תורה און דער נביא האָבען קיינמאָל ניט פערשפּראָכען, אז זיי וועלען מעהר קיין תורה און מצוות ניט דארפען אָפּהיטען. זיי האָבען נור מבטיח געווען, אז דער גלות וועט אויף זיי ווירקען, אז זיי וועלען זיך צו גאָטעס וועגען אומ־קעהרען, און וועלען זיין תורה מקיים זיין, אזוי ווי די תורה ערקלעהרט וויי־טער: „און דו וועסט זיך אומקעהרען און וועסט הערען גאָט'ס קול, און דו וועסט אלע זיינע מצוות טהאָן, וואס איך הייס דיר היינט, ווארום דו וועסט הערען אין דעם קול פון דעם בעשעפער דיין גאָט אָפּהיטען זיינע מצוות און געזעצען, ווי עס שטעהט געשריעבען אין דער תורה (דברים ל׳ 6, 8, 10).

דער נביא יחזקאל ערקלעהרט ווייטער אויך דאָס זעלבע: „און איך וועל מאַכען, אז איהר זאלט אין מיינע געזעצען געהן און מיינע משפּטים וועט איהר היטען צו טהאָן זיי (ל״ו, 27).

פולוס האָט אבער אין נאָמען פון ישו'ן זיין משיח גאר די תורה פער־שטערט מיט אלע איהרע געזעצען, מצוות און משפּטים. דער עיקר איז נאָר אין ישו'ן צו גלויבען. ניט מעהר. און צוליעב דער אמונה אליין, בכדי זי צו פערשפּרייטען, מעג מען פארשטערען אלע געזעצען פון דער תורה. — אזוי ווי מיר האָבען זיינע ווערטער שוין פריהער געבראַכט.

ווען פולוס'עס הבטחות, וואס ער האָט געזאגט, „אז ווען משיח לעבט אין אייך שטאַרבט אָפּ דער קערפּער פון זינדיגען, און עס לעבט די זעעלע פון גערעכטיגקייט״ — וואלט מקוים געוואָרען, וואלט באמת געווען זעהר א גרויסע טובה פאר גאָר דער וועלט, אזוי ווי דוד האָט געזאָגט: „די זינדיגער

פון דער וועלט וועלען זיך אויסלאָזען, און מעהר קיין רשעים זיינען ניט פאַראַן, הללויה" (ק"ד, 25).

צו דעם גרעסטען בעדויערען אָבער, איז ניט נור, וואס זיין הבטחה איז גאָר קיינמאָל ניט מקוים געוואָרען, האָבען זיינע רייד די גרעסטע אונגליקען אויף דער וועלט געבראַכט. זיי האָבען אויף אַלעמען די שווערד מיט דעם פייער, וואס ישו האָט מבטיח געווען, געבראַכט. שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אז דער מענש טרינקט זיך אין די טייכען בלוט און ברענט אויף דעם פייערדיגען מזבח, וואס די גייסטליכע האָבען געשאַפען אין ישו'ס נאָמען אויף דער וועלט.

ביז אהער האָבען מיר גערעדט וועגען די יסודות פון דער אמונה, וואס ישו און פולוס, זיין תלמיד, האָבען פאַר דער וועלט געגעבען. יעצט וועלען מיר אָנווייזען די דרכים, אין וועלכע זיינע מאמינים זיינען געגאַנגען, און אויך די ארבייט, וואס זיי האָבען צוליעב זיין אמונה אויף דער וועלט אויפגעטהאָן.

---

# זעקסטער טהייל.

מיר האָבען שוין פריהער איינינע מאָהל קלאָהר געצייגט, פון יעוואַנגעליום און פון פולוס'עס בריעף, אז זיין גלויבען האָבען אין אָנפאַנג אָנגענומען נאָר די ניט־דערוואַקסענע, די נאַרען, די רשעים און די עמי־הארצים, וועלכע האָבען ניט געקענט די תורה, אָבער ניט קיין חכמים ונבונים, ניט קיין צדיקים און אויך ניט די, וועלכע האָבען די תורה און איהר מקור געקענט.

יעצט וועלען מיר ערקלעהרען די אויפפיהרונג פון יעדער כתה בעזונדער, און די מיטלען זייערע, מיט וועלכע זיי האָבען זיין אמונה אויף דער וועלט פאַרשפרייט.

די ערשטע כתה: „די קינדער — די נאַרען".

ווען זיי האָבען די איבערנאַטירליכע הבטחות, וועלכע ישו האָט פאַר זיינע מאמינים מבטיח געווען געהערט, פון וועלכע גאָר דאס מינדעסטע איז געווען, אז ווען זיי וועלען האָבען אמונה בלויז ווי איין זענעפט־קערנדעל גרויס וועלען זיי שוין האָבען די קראַפט צו הייסען דעם בארג ער זאָל זיך אויסרייסען, אויפהויבען און אין ים אריינפאַלען, דער בוים זאָל זיך פון זיין וואָרצעל אויסרייסען, און אין די כוואַליעס פון ים זיך איינפלאַנצען, נאָך מעהר — אז זיי וועלען שוין קיינמאָל ניט שטאַרבען, — הערענדיג די אַלע גוטע הבטחות האָבען זיי זיין אמונה מיט גרויס חשק און צופריעדענהייט אָנגענומען, האָ־

פענדיג, אז אלעס וועט פינקטליך מקוים ווערען. דאך, ווען זיי האבען זיך נאכהער איבערצייגט, ווי פאלש זייער האפנונג איז געווען, האבען זיי אלץ זיך ניט אפגעזאגט פון זייער גלויבען.

עס איז שוין אן אלטער כלל, אז שווער איז צו בעגעהן דעם ערשטען פעלער. דעם צווייטען אבער, בכדי צו פארדעקען דעם ערשטען, איז שוין פיעל לייכטער. זיי האבען באלד געפונען א תירוץ פיר וואס די הבטחות ווע־רען ניט מקוים. די אורזאכע דערפון איז, האבען זיי ערקלעהרט, ווייל זיין אמונה איז אויף דער וועלט נאך ניט אין אלע ערטער פארשפרייט געווארען. ישו אליין האט אויך קיין וואונדער ניט געקאנט אויפטהאן, ווען ער האט זיך געפונען צווישען ניט־גלויבערס. ווער שמועסט, זיי? — זיי מוזען דארום זעהען דורך ישו'ס מיטלען, אויסצוראמען די ניט־גלויביגע פון דער וועלט, און דאמאלסט וועט ישו'ס הבטחה אויף זיי מקוים ווערען. זיי ווען אייביג לעבען און וועלען קענען גרויסע וואונדער בווייזען.

די צווייטע כתה: די רשעים, וועלכע צוטהיילט זיך אויף צוויי גרופען.

צווייטע כתה, ערשטע גרופע:

די רשעים, וועלכע האבען זעהר פיעל געזינדיגט, אזוי, אז עס איז פאר זיי אליין צו שווער איבערצוטראגען זייערע אייגענע זינד. זייער בייז הארץ איז שוין געווען איבערזעטיגט, און זיי האבען שוין קיין רוה פאר זיך ניט געקענט געפינען פון די געשרייען, קרעכצען און טרעהרען, וואס מיט זייערע פרדארבענע הענד און זייער מערדערישע הארץ זיי האבען אויף דער וועלט געבראכט. בכדי איינצושטילען זייער מענשליכען געוויסען, וואס פלאגט זייער הארץ, לויפען זיי זוכען שוץ אין ישו'ס גלויבען, וועלכער האט פער־שפראכען, אז באלד מען גלויבט אין איהם, וועלען אלע זייערע זינד פאר־געבען ווערען און זיי וועלען מעהר פאר זיי ניט בעשטראפט ווערען. ווי פולוס האט ערקלעהרט צו די רוימער: פון יעצט אן ווערען זיי שוין פארעכענט אלס טויטע צו זינד, משפט און תורה. יעצט זיינען זיי פריי פון דעם יאך פון תורה, זיי האבען פון זיך עס אראפגעווארפען.

צו דעם אומגליק איז אבער פולוס'עס הבטחה גאר ניט מקוים געווא־רען: זייער זעעלע, די פריהעריגע, די שלעכטע, איז גאר ניט פערבעסערט געווארען. דאס איינציגע וואס זיי האבען געוואונען פון דעם אנגעהמען פון דעם נייעם גלויבען איז, די ערלויבנים צו טהאן אל דאס בייז און ניט האבען

קיין געוויסענסביסע, אויב זיי העלפען נור פערשפרייטען זיין אמונה אויף נאר דער וועלט.

און זיי פארשפרייטען זיך אויף ימים און יבשה צו געפינען נייע לענדער, וועלכע ווייסען ניט פון ישו׳ס גלויבען, כדי ארויפצולייגען אויף זיי זייער בייזע און שווערע האנד; בערויבען זייער זעלבסט־שטענדיגקייט; צונעהמען זיי פאר אייביגע שקלאפען; זויגען זייער בלוט; שענדען זייערע טעכטער, מיט א לייכט הארץ טהאָן זייערע מעשים תעתועים, זיי ברויכען מעהר ניט ווי פריהער, צוליעב דעם אָפגאָט פון מלחמה „מארס", צו פערגיסען בלוט אָהן א שום הייליגער כוונה — איצט טהוען זיי דאָס אלעס מיט א הייליגען צוועק: ישו׳ס אמונה אויף דער וועלט צו פערשפרייטען, בכדי זיי זאָלען זוכה זיין צו הימעל־רייך, אזוי ווי ישו האָט אליין מבטיח געווען.

ווי איז אָבער, אז די נייע פעלקער ווילען ניט אָננעהמען דעם נייעם גלויבען, און וועלען זאָגען: „וואָס קעהר זיך מיט אונז אָן ישו מיט זיין גלויבען, ווען אפילו עס זאל זיין אמת, וואס איהר זאגט, אז ער איז יא געוועזען אמאָל מיט טויזענדער יאהרען פריהער? א זוהן פון א פאָלק, וואס איהר אליין פערניכטעט. פאר אונז איז גאר קיין אונטערשיעד ניט, אויב ער האָט ניט געהאט קיין מענש פאר א פאָטער, אזוי ווי איהר זאָגט, אויב ער האָט אפילו ניט געהאט קיין מענש פיר א מוטער, אזוי ווי אייניגע היסטאָרישע פאָרשער ווילען האָבען, נאָר אז איהם האָט געבאָרען די לעגענדע אליין. איהר אליין ערקלעהרט, אז זיין מוטער, ברידער און שוועסטער האָבען אין איהם ניט געגלויבט; איהר אליין זייט מודה, אז קיין וואונדער פאר די סופרים און פרושים האָט ער בעוויזען ניט געקענט, אז די סנהדרין האָבען איהם פיר א מסית ערקלעהרט, נאָר זיי האָבען איהם ניט בעשטראָפט, ווייל זיי האָבען איהם פשוט פאר א חסר־דעת בעטראַכט, נאָר זיי האָבען איהם צו די רוימער אלס „מורד במלכות" איבערגעגעבען, וועלכע האָבען איהם געקרייציגט; פון אלע זיינע הבטחות צו די מאמינים, אז זיי וועלען גרויסע וואונדער שאפען, און אויך אז ער וועט נאָך אין זייערע טעג קומען, האָט זיך אויסגעלאָזט א שרעקליכער ליגען. מיר מיינען קלאָהר, אז ווען איהר זאלט פיעל־ווענינ האָבען מענשען־געפיהל, א ברעקעל אמת און יושר, דאַן, ניט נאָר איהר וואלט קיין עזות ניט געהאט, אנדערע נייע מענשען אין דער נעץ פון זיין גלויבען ארייַנצוכאפען, איהר וואלט בעסער געזעהען אליין פון דעם שקר אנטלויפען. וואו איז אייער מענשען־עהרע? ער רופט אייך אלעמען: „הינט" און „שוויי־

נען״ און איהר רופט איהם: „גאט׳ס זוהן״, ערקלעהרט איהם צו זיין איינס מיט גאט. „גאט אליין!״

אייער אמונה איז געבויט געוואָרען נאָך אייערע רייד, אויף דעם עדות פון מרים המגדלת, וועלכע האָט אין זיך זיעבען שלעכטע רוחות געהאַט (מר׳ ט״ז, 9), אויף פּטרוס, וועלכער האָט גע־שוואָרען פאַלש (מת׳ כ״ו, 72, 74), און אויף די אַנדערע עדות, וועלכער איינער דעם אנדערען איז מכחיש, און דאס איז אלץ גערעדט געוואָרען בנוגע דעם גלויבען. נאָך מעהר אָבער נעהמט א שוידער אָן יעדען פערשטענדיגען מענשען, אפילו דעם האַלב־ווילדען, ווען ער הערט דעם מאָראַל פון אייער דת. איהר ווילט פון אונז, אז ווען איהר וועט אונז שלאָגען אין איין באַק, זאָלען מיר אייך די צווייטע אויך אויסשטעלען; אז ווען איהר וועט פון אונז דעם לעצטען מאַנטעל אוועקרויבען, זאָלען מיר אייך אויך דאָס העמד אָפּגעבען, און איהר הייסט אונז א שווערד שאַרפען און ניט רחמנות האָבען אויף פאָ־טער, מוטער, שוועסטער, ברודער, קינדער, אויב זיי וועלען ניט גלויבען; אז מען מעג אלע פערברעכענס טהאָן, בכדי צו פערשפּרייטען איהם מאַכט און דאָפּעל־עהרע. דאָס אלעס לערנט דער מאָראַל פון אייער אמונה, מיט וועלכער איהר קומט אונז, אונשולדיגע מענשען, בעגליקען, און איהר האָט קיין שאַנדע ניט אונז איינצורעדען מיט זיסע ריידעלעך, אז אייער גאַנצער שטרעבען איז, אונז צו ציוויליזירען, צו אונז דאָס ליכט פון קולטור אריינצובריינגען?

וואס האָבען אויף דער אנקלאַגע די מאמינים צו ענטפערען? די מאמינים האָבען א גרייטען ענטפער: איהר האָט ישו׳ס נאָמען געלעסטערט, און עס איז די הייליגע פליכט צו בריינגען א שאַרפע שווערד אויף יונג און אלט, אהן אויסנאַהם, צו פאַרברענען אייערע שטעדט אין פייער, בכדי צו פארגעבען מיט אייער בלוט, וואס וועט אויף ישו׳ס מזבח אין הייליגען פייער פערברענט ווערען, אייער גרויסע זינד, וואס איהר האָט אין גאַט׳ס זוהן גע־לייקענט, כדי איהר זאָלט זוכה זיין אויף יענער וועלט צו פעראייניגען זיך מיט ישו׳ן צוזאַמען אין גאָט. מיר בערויבען אייך, זאָגט איהר, דאָס איז אמת, אָבער מיט דעם גערויבטען האָב וועלען מיר זיך גוטע פריינד קויפען, וועלכע זאָלען אונז אריינבריינגען אין הימעל־רייך. מיר זינדיגען, אָבער מיט די זינד גרויסען מיר זיין נאָמען און מיר וועלען דארום קיין עונש ניט האָבען, ווי פּולוס האָט געלערנט: „ווען אבער דורך מיינע זינד וועט די קראַפט פון גאָט׳ס גערעכטיגקייט באוואוסט ווערען, וואס זאָלען מיר זאָגען, אז אומגע־רעכטער גאָט איז ער, אז ער וועט זיין צאָרען דערוועקען אויף אונז? ווארום,

אויב אזוי — ווי אזוי קען ער די וועלט משפט'ן? — ווען אז מיין שולד און נאָט לייקענען גיט איהם קראפט און דאָפּעל־עהרע, ווארום זאל איך א שולדיגער פון זיין געריכט ארוים"?

און איהר, אומגלויביגע קינדער, וועלכע ווערען מיט אונזערע היילינע הענד געריינינט. און אייער בלוט ווערט דורך אונז אלס קרבן געבראַכט אויף ישו'ס מזבח, זייט פארזיכטיג ניט צו בעהאלטען חלילה איינעם פון אייערע עלטערען, ברידער, שוועסטער און קינדער; צו אונז זאָלט איהר זיי איבערענטפערען, כדי מיר זאָלען קענען אויף דעם הייליגען פייער זיי אויפבריינגען. דען, אויב ניט, נעהמט איהר אויף זיך זעהר א גרויסע שולד. זיי וועלען פערבלייבען אין אייביגען גהינם־פייער, וואו עס וועט זיין געוויין און ציינקריצענים".

און איהר, געלד־ליעבהאָבער, זעהט איהר זאלט ניט בעהאלטען פון אונז קיין שוה־שנירעל, אלעס וואס איהר פערמאָגט, איז הייליג צו אונז, מיר דארפען אייער פערמעגען מיט דעם זיך גוטע פריינד צו קויפען. געדענקט, וואס ישו האָט אויף אייך וועגען דעם פארזאגט: ווען מען וועט דיך שלאָגען אין דער לינקער באק, שטעל אוים די רעכטע; ווען מען וועט אוועקרויבען דיין מאַנטעל, גיב אוועק אויך דאָס העמד.

דאָס איז דער ענטפער, וואס די מאמינים גיבען. אָן ענטפער וואס זיי פיהרען דורך מיט אייזען און מיט בלוט, פייער און פערניכטונג. און ווען איידער זיי האָבען ישו'ס גלויבען אָנגענומען פלעגען די רשעים פון דעם סאָרט פערשקלאַפען בלויז דעם קערפער; די זעעלע פון קנעכט אָבער האָבען זיי פריינעלאָזען, — פערשקלאַפען זיי פון יעצט אָן דעם קערפער מיט דער זעעלע צוזאמען.

און ווען פריהער האָבען זיי בלוט פערגאָסען נאָר צוליעב רויב אליין, און עס איז נאָך מעגליך געווען צו האָפען, אז דער מענשען־געפיהל וועט זיך ווען עס איז אין זיי אויפוועקען און אז זיי וועלען פארלאָזען זייערע שלעכטע מעשים, יעצט אָבער, ווען דאָס בלוט פערגיסען קומט אין נאָמען פון אמונה, וועלען זיי קיינמאָל קיין תשובה ניט טהאָן; זיי וועלען זעהען וואס מעהר פאַר זיך גוטע פריינד צו קויפען, און אלץ מעהר מענשען־קרבנות אין ישו'ס נאָמען צו בריינגען.

די צווייטע גרופּע:

די זינדיגע רשעים, די פארפלוכטע, וואס זייער הארץ איז פול מיט

זינד, רציחה, גזלה או פאלשקייט, וואס האבען קיינמאל פון געוויסען קיין בעגריף ניט געהאט, וואס זייער אייביגע שטרעבונג איז נור צו רויבען און בלוט צו פערגיסען, וואס מעהר רציחה אלץ גרעסער זייער פרייד — די דאָזיגע רשעים, בכדי זיי זאָלען זייערע שלעכטע מעשים קענען עפענטליך בעגעהן אונגעשטערט, און ניט געשטראפט צו ווערען, נעהמען זיי אן פאר א דעקטוך, זיין אמונה, און אונטער איהם פערגיסען זיי וויפיעל זייער מערדעריש הארץ גלוסט מענשען-בלוט אזוי ווי וואסער, און זיי האבען קיין שולד פאר דעם געריכט; ווייל זיי זאגען: די נקמה פאר דעם געקרייציגטען משיח האט זיך דערוועקט אין אונז, די היילינע ראכע ברענט אין אונזער מערדעריש הארץ ווי א פייער, אבצומעקען אלע די, וועלכע אין משיח לייקענען, פון דער וועלט.

און אויב ביז יעצט האבען די פארפלוכטע רשעים געקראגען זייער שטראף, ווערען זיי פון יעצט אן גאר פערהייליגט, און זייער נאמען בלייבט אן אנדענקען אויף אייביג.

די דריטע כתה.

די איינפאכע מענשען, וועלכע וויסען ניט קיין תורה. זיי זיינען ארענטליכע לייט אין זייער כאראקטער. דער גאנצער ווילען זייערער פון אנהויב איז געווען צו פערלאזען זייערע אפגעטער, וואס זיי און זייערע עלטערען האבען געדיענט, די אייגענע אמונה, וואס איז פול מיט נארישקייט, זנות, רציחה, רויב און פאלשקייט. זיי האבען זיך צוגעהערט צו דער נייער תורה, וועלכע פולוס און אנדערע שליחים האבען אין ישו'ס נאמען געלערנט, וועלכע פון איין זייט האט געלערנט: גלויבען איז דעם וועלט-בעשאפער, וואס ליעבט גוטעס, גענאדע און פרייד; ליעב האבען דעם צווייטען אזוי ווי זיך אליין, אהן אונטערשיעד צו איד צו גוי; גלויבען אין נאך איין וועלט נאך דעם מענשענס טויט, און א שכר דארט צו די צדיקים און אן עונש צו די רשעים. אלעס פינקטליך אזוי ווי תורת משה לערנט. זיי האבען אבער, ניט קענענדיג אונזער תורה זיך-אויך אין איינעם צוגעהערט צו די נייעסען, וועלכע ישו האט אליין אויסגעטראכט: — אז ער איז גאט'ס א זוהן; אז ער איז נאך זיין טויט אויפגעשטאנען א לעבעדיגער; אז ער וועט גיך קומען א צווייטען מאהל. און ווער עס גלויבט ניט אין איהם, וועט טראגען דעם שווערען עונש; אז צוליעב גאט'ס זוהן'ס נאמען צו פערהייליגען אויף דער וועלט איז א חוב אויף זיי, געהען צו די היידען, וועלכע האבען פון זיין נאמען נאך ניט

געהערט, און דיענען צו די געצען, כדי זיי מזכה צו זיין מיט אַלעם גוטעס, וואס ישו האָט פאר זיינע גלויבערס מבטיח געווען. ביים אָנהויב דאַרפען זיי עס טהאָן ניט מיט קיין גבורה, ניט מיט קיין געוואַלט, וואס איז דאַגעגען גאָט'ס ווילען, נאָר מיט די גוטע הבטחות, וועלכע ישו האָט זיינע מאמינים מבטיח געווען.

ווען אָבער די היידען ווילען ניט פארנעהמען דיעזע הייליגע רייד, און אין משיח'ן ווילען זיי ניט גלויבען און פון גאָט'ס זוהן וועלען זיי שפּאָטען און צו שאַנדע און לעסטערונג וועלען זיי זיין הייליגען נאָמען דערמאָהנען, — זאָלען זיי, דיעזע כופרים איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון די גייסטליכע, פון די קנאים, וועלכע דורשטען ווי ווילדע הונגעריגע וועלף נאָך מענשען'ס האָב און בלוט, וועלכע ווילען, בכדי אז ס'זאָל זיך אין די מערדער דער מענ־שען־געפיהל קיינמאָל ניט דערוועקען אויף די אומגליקליכע קרבנות, פיעל נארישע בלבולים אויסטראַכטען, און אָנגעטהאָן אין די קליידער, אויף וועלכע עס איז דער צלם, אין אנדענקען פון ישו, און טראָגענדיג דעם צלם אין דער האנד אלס פאָהן, וועט די הייליגע מחנה זינגען תפלות צו גאָט, וועלכער איז דער קוואַל פון ליעבשאַפט, גלייכהייט, רחמנות צו אַלע מענשען אָהן איין אויסנאַהם, און בעטען פון איהם, ער זאָל זיי העלפען פארטיליגען און פארניכטען די, וואס ווילען אין ישו, גאָט'ס זוהן, ניט גלויבען, און ווילען אָנ־פאַלען אין מיטען העלען טאָג אויף א פאָלק, וואס האָט געגען זיי קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטהאָן, און פארגיסען מערדערליך זיין בלוט, און באַ־רויבען עס, און די ליפּען וועלען שטיל מורמלען פּולס'עם לעהרע: ווען אָבער די קראַפט פון גאָט'ס גערעכטיגקייט דורך אונזער שולד באוואוסט ווערט, וואס זאָלען מיר זאגען, אז גאט איז אונגערעכט, אז ער וועט זיין צאָרען אויף אונז דערוועקען? — חלילה! אויב אזוי, ווי קאָן ער די וועלט משפט'ן? און אויב מיין שולד און גאָט לייקענען גיט איהם צו מאכט און דאָפּעל־עהרע, וואָרום זאָל איך פון זיין געריכט ארויס אלס שולדיגער? מיר וועלען מיט די אָנגערויבטע האָב זיך גוטע פריינד קויפען, אזוי ווי ישו, גאָט'ס זוהן, האָט געהייסען, זיי זאָלען אונז, ווען מיר וועלען פאַראַרימט ווערען אין הימעל־רייך אריינקומען.

דאָס זיינען די דרכים, אויף וועלכע זיינע מאמינים זיינען געגאַנגען ביז איצט און געהען היינט אויך.

יעצט וועלען מיר בקיצור בלויז אָנצייגען די ארבייט, וועלכע די מאמינים האָבען אין ישו'ס נאָמען בעגאַנגען.

ווען מיר זאָלען וועלען נאָר איין תקופה פון זייער הייליג־מערדערליכע ארבייט פונקטליך בעשרייבען, דאן וואלט א גאנצער לעבען וועניג זיין. מיר וועלען נאָר אייניגע ביישפּיעלע פון טויזענדער ברייגגען, און די וועלען זיין גענוג צו ווייזען, אז זיין אמונה איז אן אמונה פון בלוט און אונגליק.

דער פּאפּסט פון רוים, וועלכער זיצט אויף פּטרוס׳ שטוהל, האָט אזוי ווי פּטרוס אליין זיין שבועה געבראָכען, וועלכע ער האָט געגעבען דעם פּראָפעסאָר הוס, און האָט איהם אין ישו׳ס נאָמען אויפגעבראכט פאר א קרבן אויף דעם פייערדיגען מזבח; ווייל זיי האָבען אין אייניגע קלייניגקייטען וועגען זייער אמונה, וואס איז ביי זיי ביידען הייליג, ניט געקאָנט זיך אויסגלייכען.

די תלמידים זיינע זיינען אויפגעשטאַנען נאָך איהם נעהמען ראכע פיר זייער רבי׳ס בלוט און האָבען פערניכטעט פיעל שטעדט מיט שווערד און פייער, אזוי ווי ישו אליין האָט געהייסען.

טוהל האָט די גרויסע שטאָדט מאַגדעבורג אויף דעם פייער פאר א קרבן געבראַכט פאר ישו׳ן.

פראנקרייך האָט אין דער „בלוט־האָכצייט־נאכט“ איהרע בעסטע קינדער פאר א קרבן אין ישו׳ס נאָמען אויפגעבראַכט. דער הייליגער פאָטער, דער כהן־גדול זיינער, דער פּאפּא פון רוים, האָט די פעטע קרבנות מיט זיין ברכה בעגלייט;

דער כהן גדול פון טאלעדא, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין גייסטליכער רעוואנליאַק האָט דעם קעניג הײנריך דעם פיערטען ערמאָרדעט, האָט ער דאן דאָס שענדליכע וואָרט געזאגט: גאָט איז מיט אונז; וואס איין מענש קען טהאָן?

דייטשלאַנד האָט אין א דרייסיג־יאָהריגער שלאַכט פיעלע פון איהרע בעסטע קינדער, צוליעב ישו׳ס גלויבען, מיט שווערד און מיט פייער אומגעבראַכט;

די בלוטיגע טייכען, וועלכע זיינען פערגאָסען געוואָרען דורך לוטער, די בלוטיגע טייכען — דורך קאַלווין, וועלען בלייבען אלס שוידער אין דער מענשליכער געשיכטע.

דאָ האָבען מיר בלויז דערמאָהנט די רציחות זייערע, וועלכע די נוצרים פון איין שבט, פון איין משפחה און פון איין גלויבען, האָבען אייניגער

נעגען דעם צווייטען בעגאנגען; מען קען זיך שוין אליין פארשטעלען, ווי מערדעריש זיי באגעהען זיך געגען אנדערע פעלקער מיט אנדערע גלויבענס.

פיעל ערגער ווי מיט אלע פעלקער האבען די נוצרים זיך מיט די אידען בעגאנגען; גראדע דעם פאלק, וואס די, וועלכע גלויבען אין ישו'ן, וואלטען אייגענטליך בעדארפט פיעל עהרע צוטהיילען, העהליך האלטען און דאנקבאר זיין; פון דעם פאלק האט דאך זייער זון ארויסגעשיינט, וואס האט פערטריבען די פינסטערע שאטענס פון געצענדיענסט, וועלכע האבען פאר טויזענדער יאהרען זייער לעבען פארדונקעלט. זיי האבען צוליעב דעם אידישען פאלק אויפגעהערט צו פראקטיצירען דעם שענדליכען מענשען־אפפער; זיי האבען אויפגעגעבען „מארס", „פעראן" און די אנדערע געצען.

„וועגען דער בשורה, זאגט פולוס, זיינען זיי צוליעב אייך געפיינדעט נאר אבער וועגען דער אויסוויילונג, זיינען זיי געליעבט צוליעב די עלטערען". און צו זיי געהערט די קינדשאפט (מעלת הבנים), עהרע און זיכערהייט, דאס געבען פון דער תורה, די הייליגע דיענסט און די הבטחות, צו זיי געהערען די אבות, פון וועלכער עס שטאמט דער משיח נאך דעם פלייש, — ווארום איך בין פאר זיי אן עדות, אז גאט'ס ראכע איז מיט זיי, — און איך שפרעך יעצט: האט דען גאט זיין פאלק פון זיך פערשטויסען? חלילה! ער האט זיין פאלק פון זיך ניט פערשטויסען, ווארום גאט האט ניט קיין חרטה אויף זיין ווארט און זיין מתנה (רומים בריף ט, 2—4; י"א, 21, 28—29).

אזוי ווי דער איד אבער איז אין אלע צייטען געוועזן איבערגעגעבען מעהר פון אלע פעלקער צו וויסענשאפט, און אויך דאן, ווען זיי אלע, ווי ווילדע חיות האבען איינער דעם צווייטען געפרעסען, האט ער דאס ליכט פון זיין תורה, חכמה און וויסענשאפט פאר זיי געטראגען, און ער איז צוליעב דעם אליין געבליעבען די גאנצע צייט אין דער לאגע פון א גר צווישען זיי, וועהרענד ער האט ניט פערמאגט קיין אייגען לאנד און האט ניט געהאט קיין פיזישע מאכט און קראפט, — האבען די קריסטען פון די אלע אויבענדערמאהנטע כתות, — בכדי צו בארויבען דאס אידישע האב, וועלכען ער האט מיט דעם שוויים אויף זיין פנים און צוליעב זיין זעלטענע פעהיגקייט, און אויך ווייל ער האט ניט גע'שכור'ט, ניט גע'נואפ'ט, אזוי ווי אלע פעלקער פון יענער צייט, זיך געשאפען, זיך אין דער אמונה־מאסקע איינגעהילט און אין אלע צייטען, אין אלע ווינקלען פון דער וועלט איהם בעפאלען, און האבען זייערע מערדערישע פיילען, צוצוגעבען זיי מעהר טויטליכע קראפט,

געטונקען אין אמונה־גיפט, און אלץ כדי זיך אפצורעכענען מיט די אידען, בלומרשט דאפיר, ווייל זייערע עלטערען האבען ישו'ן אלס מורד אין די הענד פון די רוימער איבערגעגעבען.

דאס הארץ ווערט צוריסען און עס שטעלען זיך די האר פון קאפ קאפויר, ווען מען לעזט ווענען די שוידערליכע רציחות, וואס די קרייצציגלער, אין איינעם מיט דער פינסטערער בלוט־דורשטיגער באפעלקערונג האבען דורכגעפיהרט אויף די אידען, וועלכע האבען זיי קיינמאל קיין שלעכטעס ניט געטהאן, און ווענענס זעעלע איז קלאהר און ריין געווען — אויך אונשולדיגע קינדער האט מען ניט געשאנעוועט.

ווענענס הארץ דריקט זיך ניט צונויף פון שמערץ צו דעם אנדענקען פון דעם שענדליכען ווארט: „די אינקוויזיציע", וואס אויף איהר מזבח האבען די גייסטליכע טויזענדער אידישע קרבנות אין ישו'ס נאמען אויפגעבראכט; אויף דעם פייער פארברענט, עס זאל זיין ריח ניחוח פאר ישו, גאט'ס זוהן; „טארקוואמאדא", — „קערבעראס", דער גהינם־הונד האט מיט זיינע הענד דאס פייער אנגעצונדען, און בכדי אז דאס דומע ווילדע פאלק זאל די שוידערליכע רציחות מיט מעהר בעגייסטערונג טהאן, און עס זאל זיך אין איהם קיינמאל קיין פונק רחמנות ניט דערוועקען, טראכטען די גייסטליכע אויף דעם אידען אוים אלע נארישע בלבולים, וועלכער יעדער פערשטענדיגער ארענטליכער מענש זעהט קלאהר איין, אז די אויסטראכטער אליין וויסען, אז וואס זיי זאגען. איז א געמיינער, דומער ליגען. אין איין צייט האבען זיי ערקלעהרט, אז די אידען האבען פון קירכע די „האסטיע" ארויסגע'גנב'עט, און האבען זיי געשטאכען אזוי ווי די רוימער ישו'ן, נאר ווען עס האט פון דעם ברויט בלוט אנגעהויבען רינען, האבען די אידען פאר גרויס שרעק עס צוריק אין קירכע ארייגעבראכט.

נאך ביז דעם היינטיגען טאג טראכטען זיי אוים, אז די אידען קוילענען קריסטליכע קינדער און בענוצען זייער בלוט אין די מצות אויף פסח.

ווען מען הערט ווענען דעם ווילט זיך פון טיעפען הארצען אויסשרייען: א פלוך אויף אייך, איהר פאלשע ליגנער, עקעלהאפטע ווילדע חיות אין מענשען־געשטאלט, ווענען ווילט איהר נארען מיט אייערע שוידערליכע ליגענס? מיר אלע וויסען קלאהר די אידישע תורה און דעם תלמוד; קיין איינציג ארט איז דארט ניט פאראן, אז אידען ברויכען בלוט אויף פסח. פארקעהרט, מיר זעהען אז די תורה האט פיעל מאל אידען שטרענג פערבאטען

קיין בלוט ניט צו עסען; ניט נאָר פון מענשען, נאָר אויך ניט פון בהמות, אזוי ווי דער פסוק זאָגט דייטליך:

און יעדער מענש פון ישראל'ס הויז און פון דעם גר, וואס מיט זיי, וואָס וועט עסען וואָס פאר א בלוט, וועל איך ברייננגען מיין צאָרען אויף דער זעעלע, וועלכע עסט בלוט, און איך וועל זי פון איהר פאָלק פערשניידען — וואָרום די זעעלע פון יעדען לייב איז זיין בלוט אין זיין זעעלע; און איך האָב צו די ישראל'ס קינדער פארשפּראָכען „בלוט פון יעדער לייב זאָלט איהר ניט עסען", וואָרום די זעעלע פון יעדער לייב איז זיין בלוט, אלע וואָס עסען עס, זאלען פערשניטען ווערען (ויקרא י"ז, 10, 14).

און ווען איינער האָט פון אליהו געפרעגט וועגען מענשען־בלוט, האָט ער איהם קלאָהר גענענטפערט: בהמות וועלכע זייער פלייש מעג מען עסען, איז זייער בלוט אסור; מענשען, וואס זייער פלייש איז אויך אסור — פיעל מעהר זייער בלוט (תד"א, פ' ט"ו).

אין אמת'ען, ווען מען זאָל אורטהיילען נאָך די טרויעריגע פאַקטען, מעגען מיר מיט רעכט זאָגען, אז זיי, די קריסטען אליין ברויכען אידישע בלוט, ווי אויך אידיש פערמעגען אויף דעם נוצרי'ס פסח; דען וואָרום בעפאַלען זיי די אידען אלע פסח און הרג'ענען און בארויבען זיי, אין נאָמען פון ישו'ן מיט אלע אכזריות פון דער וועלט?

די אונפערשעהמטע ווילדע מענשען־חיות, וואס זייער גאנצער באגעהר איז נאָר צו רויבען און בלוט צו פערגיסען, נעהמען מיט גרויס בעגייסטערונג זייערע נארישע בלבולים אָן פאר א ריינעם אמת, און פאלען אין מיטען העלען טאָג אָן אויף אומשולדיגע מענשען און פארניכטען אָהן רחמנות, און מאַטערען זיי מיט אלע שרעקליכע יסורים. אָפטמאָל טרעפט, אז די קרבנות, בכדי ניצול צו ווערען פון די יסורים, דורך דעם טויט, וואס איז פיעל גרינגער, זיינען זיך כלומרשט מודה, אז זיי האָבען אליין דעם פערברעכען געטהאָן, וועלכער איז באמת קיינמאָל אויף זייערע געדאנקען ניט געקומען.

עס געפינען זיך אויך פאלשע עדות, וועלכע צוליעב עולם הבא, און הויפּטזעכליך צוליעב דעם האָב פון די נרצחים, קומען און זאָגען עדות, אז זיי האָבען מיט זייערע אויגען געזעהען, אז די אידען האָבען דעם רעליגיעזען מאָרד בעגאנגען.

דער הייליגער פאבסט האָט פארערבענט די קינדער, וועלכע זיינען

בלומרשט גע'הרג'עט געוואָרען דורך אידישע הענד, מיט אלע הייליגע; די כונה איז, עס זאָל אן אייביגער אַנדענקען בלייבען; צו דערוועקען אויף די אידען אן אייביגער האַס;

זיי שעהמען זיך אויך ניט אויסצוטראַכטען, אז די סנהדרין אליין האָבען ישו'ן געקרייציגט; עס קימערט זיי גאר ניט, וואס זייערע עוואנגע־ליסטען לייקענען עס אָפּ, ווייל זיי זאָגען: — ווען די מעכטע פון גאָט'ס גערעכטע וועט דורך אונזער שולד בעוואוסט ווערען, וואָס־זשע זאָלען מיר זאָגען, אז גאָט איז אן אומגערעכטער, וואס ער וועט זיין צאָרען אויף אונז דערוועקען — חלילה! ווייל, אויב אזוי, ווי קאָן ער די וועלט משפט'ן? — ווען מיין שולד און גאט לייקענען גיט איהם מאַכט און דאָפּעל עהרע, וואָרום זאָל איך א שולדיגער פון זיין געריכט ארוים?

דאָס איז בלויז א קליינער טהייל, א טראָפּען אין ים פון די קריסט־ליכע מעשים און קריסטען־ליעבע. אלס ביישפּיעל איז עס גענוג, עס שטעלט פעסט דעם גייסט פון דער אמונה. צו אונזער גרויסען בעדויערען, האָט די בלוט־פערגיסונג אין זיין נאָמען נאָך יעצט ניט אויפגעהערט, און ווער ווייס, ווען עס וועט נאָך אויפהערען.

---

# שלום וואָרט.

יעצט, נאָך די אלע פריהערדיגע רייד, וועלען מיר ערקלעהרען, ווי אזוי עס דארפען, נאָך אונזער תורה, די נוצרים פעררעכענט ווערען: — צו זיי זיינען געטצענדיענער אָדער חסידי אומות העולם.

דער תלמוד בריינגט ארוים קלאָהר, וועלכע פעלקער עס האָבען א רעכט צו דעם נאָמען „חסידי אומות העולם“. דאָס זיינען די פעלקער, וועל־כע זיינען מקיים די מצוות, וואס דער בעשאפער האָט אדם'ן געהייסען. אונזערע חכמים רופען די מצוות אָן: „די זיעבען מצוות פון נח'ס קינדער“, וועלכע זיינען:

א) עהרליך האלטען גאָט'ס נאָמען, ווייל ער איז דער בעשאפער פון גאָר דער וועלט, וועלכע פעראייניגט אלעס, וואס אין איהר, פון די גרעסטע שטערען פון הימעל, ביז דעם קלענסטען זעמדעל אויף דער ערד, און אז נאָר

דורך זיי אלע צוזאמען איז גאנץ די וועלט; ווען איינער פון זיי זאָל פעהלען, וואלט דער חסרון גאר די וועלט אַנגעריהרט:

ב) אז אויסער דעם איינציגען באשעפער, איז נאָך קיין אנדער גאָט ניטאָ;

ג) פאר אַ פערברעכען זאָל אַ בעשטימטע בעשטראָפונג פאר אלעמען גלייך זיין;

ד) ניט צו הרג'ענען קיין מענשען; — דער פערבאָט געגען רציחה.

ה) יעדער זאָל פאר זיך אליין אַ בעזונדער ווייב האָבען; — דער פערבאָט געגען זנות;

ו) מען טאָר ניט גזלנ'ען און גנב'ענען;

ז) מען טאָר ניט פערשאַפען קיין שום בעשעפענים שמערצען. — דער פערבאָט געגען עסען „אבר מן החי".

די חכמים האָבען די גאנצע תורה אין איינציגע ווערטער אויסגע־דריקט: „דאָס וואָס דו האָסט פיינד, טהו ניט צו דיין חבר" (שבת, לא).

דער וואס איז די תורה מקיים, האָט וועגען איהם די תורה געזאגט: „גר ותושב וחי עמך ואהבת לו כמוך", דער גר און דער תושב, ער זאָל מיט דיר צוזאמען לעבען און דו זאלסט איהם ליעבען אזוי ווי זיך אליין; „ואהבת את הגר" — און איהר זאָלט ליעבען דעם פרעמדען; „והרי הוא ככהן גדול הנכנס לפני ולפנים" — און ער איז אזוי ווי דער כהן גדול וואס קומט אריין אין קדשי־קדשים; „ויש לו חלק לעולם הבא" — ער האָט אין הימעל־רייך אַ טייל. און די קריסטליכע פעלקער, וועלכע זיינען מקיים די זיעבען מצוות, זיינען „חסידי אומות העולם" (ויקרא י"ט 34, כ"ה 35; דברים י' 19; סנהדרין נ"ו, נ"ט ; ע"ז ג'); אין די הלכות, וועגען וועלכע עס איז געווען אַ מחלוקת צווישען ישו'ן און די פרושים, ווי מיר האָבען פריהער אויסגערע־בענט, מעגען זיך די נוצרים פיהרען אזוי ווי זיי ווילען.

וועגען דעם, וואס ער האָט זיך ארויסגעגעבען פאר אַ משיח — זאָלען זיי גלויבען, ווי אזוי עס געפעהלט זיי; קיין פערבאָט אין דער תורה איז וועגען דעם ניט פאראן. אַנדערש איז אָבער וועגען דעם פונקט, וואס ער האָט זיך ארויסגעגעבען פאר „גאָט'ס זוהן", און ער אליין איז אויך גאָט; פאר דעם האָבען איהם די סנהדרין פאר אַ מסית ערקלעהרט, וועמען עס קומט צו פארשטיינען. ווען זיי האָבען איהם ניט פארשטיינט, איז עס בלויז דאפיר,

ווייל זיי האָבען איהם פאר א „חסר דעת" געהאלטען; אן אמת'ער גלויבער אין גאָט האָט קיין רעכט ניט צו גלויבען איהם, דען די אמונה איז דאָגעגען דעם צווייטען געבאָט פון דער תורה צו די בני־נח, אזוי ווי מיר האָבען פריהער ערקלעהרט, אז „אויסער דעם איינציגען באשעפער איז קיין אנדער גאָט ניט פאראן".

דער אסור איז אבער חל נאָר אויף די ערשטע פעלקער אליין, אָבער ניט אויף יעצטיגע, אזוי ווי דער רמב"ם פסקנ'ט וועגען די „קראים" (ממרים פ"ג, מ"ג):

„די פעלקער אָבער, וועלכע צוליעב גלויבען אין ישו הנצרי, פאָלגען זיי איהם אליין און אויך פולוס'ען און זיינען עובר אויף די זיעבען מצוות פון די בני־נח: זיי זאָגען, אז בכדי צו פערשפרייטען זיין גלויבען מעג מען אלעס שלעכטעס טהאָן, אזוי ווי מיר האָבען וועגען דעם פריהער פיעל געשפראָכען. יענע קריסטען זיינען ריכטיגע געצענדיענער, אָהן צווייפעל. פארשאָלטען זאָלען זיי פון גאָט ווערען. פארשאָלטען זאָל די ערד פון גאָט זיין, וועו זי וועט פארדעקען דאס בלוט, וואס זיי האָבען אין ישו'ס נאָמען פערגאָסען.

מיר דאַרפען זיך ניט וואונדערען אויף די אידישע חכמים, וועלכע האָבען געלעבט אין דער צייט פון די קרייצציגע, ווארום זיי האָבען יענע קריסטען אלס עכו"ם בעטראכט. זיי האָבען אויף דעם געהאט פיעל רעכט. צו אייביגער שאנדע זאָלען זייערע נעמען בלייבען, זייער אנדענקען זאָל זיין א שרעק און א קללה. דער וואס האָט סדום און עמורה בעשטראָפט, זאָל ער זיי אויך מיט זיין צאָרען אייביג בעשטראָפען.

די קריסטען אָבער, וואס היטען די זיעבען מצוות, וואס זיינען אליין מתרעם אויף זייערע עלטערען פאר די אומשולדיגע בלוט, וואס זיי האָבען פערגאָסען — זיי זיינען אונזערע ברידער, אזוי ווי אונזער תורה — וואס איך האָב פריהער געבראכט — הייסט זיי בעטראכטען; אונז מאכט גאָר ניט אויס, וואס זיי גלויבען אין ישו, בודא, מחמד, קונפוציוס, און דאָס גלייכען.

„זאָל זיך יעדער אין נאָמען פון זיין גאָט געהן, און מיר וועלען געהן אין דעם נאָמען פון אונזער גאָט"; וואס עס איז נויטיג, און וואָס אידען וועלען זעהען איז, אז אלע פעלקער זאָלען שטרענג אָפּהיטען די זיעבען מצוות, אָדער כאָטש די איינע מצוה, וועלכע הלל האָט פערזאָגט: „דאָס וואָס דו האָסט פיינד, טהו ניט צו דיין חבר", און דער עיקר, ווען זיי וועלען זיך אָפּזאָגען פון די יסודות פון זייער אמונה, וואָס האָבען אויף דער וועלט געבראַכט

פאלשקייט, רויב און רציחה, — דאמאלסט וועט געווים מקוים ווערען די הבטחה, וואס ישעיה הנביא האט געזאגט: „וגר זאב עם כבש" — לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה: עס וועלען א וואלף מיט א שאף צוזאמען וואוינען; איין פאלק אויף דעם צווייטען וועט מעהר קיין מלחמה ניט פיהרען — ולשלום אין קץ, און עס וועט זיין פריעדען אהן א ברעג. (ב' 4, ט' 6, י"א 6').

## בנימין הלוי באלזאק.

איך האב געהאט א וכוח וועגען קריסטענטהום מיט פראפעסאר מומר דניאל כוואלסאן אין פעטערבורג, און איך האב איהם איינגאנצען צושלאגען. דיעזען וכוח האב איך אפגעדרוקט אין מיין בוך „תורת האדם". נאך צוויי וכוחים האב איך אין לאנדאן געהאט מיט מיסיאנערען, פיר טויזענדע מענשען, אין „דזשואיש ווארקינגמענס קלאב", דעם 29טען אפריל און דעם 6טען מאי 1911טען יאהר.

איך ברייננ דא, וואס וועגען זיי האט געשריעבען דער „אידישער זשורנאל" פון לאנדאן, פון ג' און י"א אייר, תרע"א:

„פון דיעזען לעצטען ויכוח קענען מיר ליידער גאר ניט לערנען, ווייל ער איז ניט געוועזען קיין גלייכער. רעוו. באלזאק האט דעם משומד געשלאגען מיט אייזערנע ריטער, און דער לעצטער האט געגען איהם ניט געקענט הויבען אפילו א שטרוי. דער האט איהם געגעבען שניידענדע און לאגישע ארגומענטען, וועהרענד יענער האט אבגעזאגט זיין „מודה אני" פונקט ווי ער וואלט שטעהן אין ווינקעל פון סידני סטריט, און קיין שום פראגע איז פון איהם ניט בעאנטווארטעט געווארען.

דיעזער ויכוח, ווי גוט אדער שלעכט ער זאל ניט האבען געוועזען, האט ער געמאכט א שטארקען ווירקונג אויפ'ן אידישען פובליקום אין אן אנדער ריכטונג. ווי בעקאנט, האט דער משומד צום צווייטען ויכוח געמאכט א ויברח יעקב, נאך איידער עפעס איז געווארען, ארויפקומענדיג אויף דער פלאטפארמע, האט ער דערזעהען געפעהרליכע עלעמענטען ארום זיך, און ער האט שוין אנגעהויבען צו זוכען פרעטענזיעס צו הויבען פיס, און דער זוכער קען שטענדיג געפינען א פרעטענזיע. די הבדלה, וואס דר. לאזאראוויטש האט געמאכט בין קודש לחול, דאס איז דעם משומד ניט געפעהלען געווארען, און ער איז אנטלאפען פיעל שנעלער ווי ער איז געקומען. דאס זעהענדיג, האט

א איד מיט'ן נאָמען סטרייקער, געמאכט א פאָרשלאַג, צו גרינדען א חברה, וועמענס אויפגאבע זאָל זיין צו פערברייטען און צו פּובליקירען, ווי ווייט נור מעגליך, די שענדליכע און היפּאָקריטישע האנדלונגען פון די פינסטערע נשמה־כאַפּערס, צו פערשפּרייטען שריפטליך און מינדליך, ווי ווייט די פאָנדס פון די טויזענדער פונטען, וואָס די אלטע פרומע מוידען גיבען, ווערען אויפ'ן שענדליכסטען אופן פון די נשמה־הענדלער אויסגעבראכט. דיעזער פאָרשלאַג פון מר. סטרייקער איז געוואָרען פונ'ם גאנצען פּובליקום מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג אויפגענומען. כמעט אלע האבען זיך פערשריעבען, און האבען געלד געגעבען. א קאָמיטע פראָט־העם איז פאָרלויפיג געגרינדעט געוואָרען, און א סאָסייעטי איז געקומען אין עקזיסטענץ. דיעזע סאָסייעטי, אויב זי וועט קומען אין ריכטיגע הענד, ווי מיר האָפען, אז עס וועט אזוי זיין, וועט עס ווירקליך זיין א נייעס אין דער אידישער וועלט. אלע שיכטען פון אונזערע אידען אין לאָנדאָן וועלען האבען א געלעגענהייט דאָרט אריינצו־קומען, און דורך גוט מענעדזשמענט, וועט מען קענען אין דער צוקונפט ערהויבען א ביסעל העכער דעם מאָראַלישען מצב פון די איינגעוואנדערטע אידען אין לאָנדאָן".

---

## BALZAK ANTI-MISSION SOCIETY.

### באַלזאַק אַנטי־משומדים סאָסייעטי.

אלע אידען אין לאָנדאָן מעגען וויסען, אז עס האָט זיך געגרינדעט א סאָסייעטי מיט דעם דערמאָהנטען נאָמען.

דיעזע סאָסייעטי וועט האבען די אויפגאבע צו פערשפּרייטען און צו פּובליקירען שריפטליך און מינדליך, די שענדליכע געשעפטען, וואָס די נשמה־כאַפּער מאַכען אין דער אידישער מיטע. די סאָסייעטי בעשטרעבט זיך צו האבען א פּלאַץ, וואו לעקטשורס און דיסקוסיאָנען וועלען געהאלטען ווערען פון צייט צו צייט איבער די משומדים, און זייערע נעצען וואָס זיי פערשפּרייטען, אידישע נשמות צו כאַפּען.

דער ערשטער קאָמיטע מיטינג מיט דת לאזערעוויטש אין די טשער וועט געהאלטען ווערען נעקסטען מיטוואָך אבענד, אום 8 אוהר, אין מר. הערשמאַנ'ס פּובליק הויז, 52 אָלד מאָנטאַגיו סטריט, וואו מעמבערס פון דער פאָרלויפיגער קאָמיטע, און אַנדערע זיינען הערצליך ערזוכט צו קומען.

קיין מעמבער זאָל ניט פעהלען. ביי אָרדער."

(דאָס אלעס איז פון „יודישען זשורנאל" איבערזעצט געוואָרען).

דעם עצם ויכוח, וואָס איז פאָרגעקומען, געפינען מיר ניט פאַר נויטיג דאָ איבערצוגעבען, ווארום אַלעס איז שוין אין דיעזען בוך בעהאַנדעלט געוואָרען. אַן אויסנאַהמע מאַכען מיר נאָר מיט איין פראַגע, וועלכע דער מיסיאָנער האָט אונז געשטעלט, און אויף וועלכער עס איז אין בוך ניטאָ קיין תשובה. דער מיסיאָנער האָט געוואָלט וויסען, ווארום די אידען נעהמען ניט צו הילפע אין זייער-ארבייט פיר'ן ציוניזם, די קריסטען, וועלכע ווינשען אויך צו זעהען ציון בעפרייעט?

און דאָס איז, וואָס מיר האָבען איהם געענטפערט:

זעהר פערשיעדען איז דער צוועק פון אונזער ציוניזמוס ביז אייערען, און ממילא מוזען שוין אויך זיין פערשיעדען די מיטלען; ווי די פראַקטיק האָט בעוויעזען, זיינען אייערע מיטלען זעהר שעדליך פאַר דעם אידישען פאָלק: — ביי אונז, אידען, איז נאָר דאָס פאָלק אין גלות, אָבער אונזער גאָט איז פריי, דערפאַר בעשטעהען אונזערע מיטלען אין בעטען דעם פרייען גאָט, ער זאָל בעפרייען דאָס אידישע פאָלק פון גלות; ביי אייך אָבער איז פונקט פארקעהרט: אייער גאָט אַליין איז אין גלות, און אייער פאָלק איז פריי, און איהר פערלאַנגט פון דעם פרייען פאָלק, ער זאָל אויסלייזען דעם געפאַנגענעם גאָט, און הפנים אז ווען גאָט ליעגט תפוס, ערלויבט זיך דאָס פאָלק אַלערליי רציחות און אכזריות. א ביישפיעל פון די בעפרייאונגס-מיטעל האָט דאָס אידישע פאָלק געזעהען אין די בעריהמטע „קרייצציגע“. דאָס אידישע פאָלק האָט פון די רציחות מעהר געליטען ווי וועלכעס אנדער פאָלק, נאָך נייע קרייצציגע בענקען מיר ניט. היינט פרעגט זיך: ווי אזוי קענען אידען מיט קריסטען געהן האַנד אין האַנד אין דער בעפרייאונג?

---

א קורצער און א שאַרפער ענטפער אויף אַלערליי קריטיקען, וואָס מאַנכע קורצזיכטיגע, וועלכע זיינען פון אמת זעהר וויט, וועלען אויף מיינע רייד אין דעם בוך אָנפאַלען, צו שטערען זיי: — „לערענט בעסער און קלאָהרער, און פערשטעהט טיעפער אַלע מיינע רייד, דעמאָלט וועט איהר זיך אַליין איבערצייגען, אז אומזיסט איז אייער טירחה. אַלע מיינע רייד זיינען אויף זעהר פעסטע יסודות געבויט, און אז שקר בלייבט שקר און אמת בלייבט אמת.

דער פערפאַסער.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL CHICAGO 379

Common Sense
Library